225

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 355)    צוויי און צוואַנציקסטער יאָר    מאי 1961 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאַלט:


| | | |
|---|---|---|
| אין דער גלעזערנער שטייג, צום אייכמאַן־פּראָצעס, לכבוד שבועות | °° | 1 |
| אַ שפּיצל פון ר׳ נפתלי ראָפּשיצער לכבוד שבועות (דערציילונג) | בן־צבי בערנשטיין | 7 |
| צ׳ איז עס דיין ווילן (ליד) | שמואל ווהייט | 10 |
| מיין צוואה (ליד) | טאַראָס שעווטשענקאָ | 10 |
| ווען איך טראַכט פון דיר (ליד) | עלי זילבערג | 11 |
| זילבערנע און גאָלדענע הענט (מיניאַטור) | ש. טענענבוים | 11 |
| אַ הינט א דעלינקווענט (סקיצע) | משה בעקערמאַן | 12 |
| יידיש (פּאָעמא) | יוסף לעפטוויטשן | 13 |
| מיין ברודער שלמה (פּראָזע) | א. נ. שטענצל | |
| חנה ראָזנער | רחל מירסקי | |
| יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס | | |


**פרייז 2 שילינג**

**אַבאָנאַמענט־פּרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press.* 129-131 *Cavell Sreet. London, E.1*

רעדאַקציע נאָטיץ

אַלע איבעריקע אַרבעטן וואָס האָבן נישט געקענט אַריין אין דעם נומער, קומען אין טאָפּלטן יוני נומער—ד.ר.

---

אונזער מיטלייד מיט משה מארקאוויטץ צום טויט פון זיין פרוי.

אונזער מיטלייד מיט מילי באָריס צום טויט פון איר ברודער    פריינט פון יידיש לשון.

---


## ווייטשעפּל שטעטל ד׳בריטן פון א. נ. שטענצל

אַלע זיינען פאַרבעטן צום גלעזל־טיי לכבוד דעם ניי דערשינענעם בוך, דינסטיק, דעם 25 אַפּריל, 7.30. איינגעאָרדנט פון: יידישער שרייבער פעראיין, יידישער וועלט קאָנגרעס און פריינט פון יידיש לשון.    אינטריט פריי.

---

מזל טוב

צו דער חתונה פון **איוואן האכשטיין** מיט **ראזאלין באטלער**, ווינטשן מיר דעם יינגען פאר און די מהותנעסטע שרה האָכשטיין (די אלמנה פונם שרייבער לעאן האכשטיין) א האַרציקן מזל־טוב.

פריינט פון יידיש לשון

---

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַמענט אַפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

---

אונזער טיפן מיטלייד מיט אונזער חבר **בערל ראזנער** דעם פאָרשטייער פון בונד אין לאָנדאָן, צום טויט פון אונזער טייערע חברטע **חנה**.

יידישע סאציאליסטישע אָרגאניזאַציע אין לאָנדאָן.

אונזער טיפן מיטלייד צו פריינד **בערל ראזנער** צום טויט פון זיין ליבע פרוי **חנה**.

לשון און לעבן, פריינט פון יידיש לשון

---

„די אידישע שטימע"

די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.

THE JEWISH VOICE LTD.

11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1.    Phone: BIS. 9804.

---

LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

WHOLESALE WAREHOUSEMEN

Knitwear - Blouses - Underwear

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1

## אין דער גלעזערנער שטייג

(אַ טריפּטיך אויפצוהענגען)

אָנצוקוקן אַזאַ מין רויב־חיה,
אין קיין טיר־גאָרטן נאָך נישט געזען ביז יעצט,
אין „דזערם"־דזשאָנגל געכאַפּט מען האָט איינע,
און אין אַ גלעזערנע שטייג אַריינגעזעצט.

קוקט דאָך אָן דעם נאַצי־נאָזע־רעפּטיל
מיט אַזאַ וועלכע חיה הויזן צוזאַם?
די ערגסטע ראַץ, די קרעציקסטע צומאָל,
וועט דאָך ליבער איינעמען אַרסיניק־סם.

* * *

צי קענען דען ביינער, צעגריזשעטע,
צוריק לעבעדיק ווערן פון ניין מאָס רייד?
ס'עקלט דאָך אַ בליק צו טון אויף דעם הונט,
ווי נאַס ציטערדיק, אָפּגעגאָסן ער שטייט.

אָבער וואַרף אים נאָר צו אַ פרישן ביין,
און סלינענדיק גריזשען ער איז ווידער גרייט,
חיהאיש היצלעריש זיך ווילד־צעבילן,
ווייזן זיינע ציין, עזותדיק־פאַרשייט.

הערט ער אַ וואַגנערישע אָפּערע?
ווי „דיכטעריש־דענקעריש" פאַרטרוימט ער שטייט!
קוקט אים אין היטלערישן בליק אַריין —
פון אַ ביין חלומט אַ כלב אויף דער קייט!

בלויז, צי קענען ביינער צעגריזשעטע,
צוריק לעבעדיק ווערן פון ניין מאָס רייד?
אַז צומאָל די „עצמות יבשות",
אַש צעריבן, אויף אַלע ווינדן צעשפּרייט.

* * *

גאָט, נישט פאַר דיין גנאָד, נישט פאַר דיין גבורה,
פאַר דיין „סענס אָף יומאָר" מיין קאָפּ איך בייג:
אַזאַ מין קרעאַטור־קאַראַקאַטור,
אַריינצוזעצן אין אַ גלעזערנע שטייג.

רחום וחנון? אַ גאָט פון נקמה?
אַז דאָס וואָס געשען האָט געקענט געשען — —
בלויז דיין „סענס אָף יומאָר" ווי גרויס ער איז
אין דער גלעזערנער שטייג דאָ ס'קאָן יעדער זען.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס

שבת, דעם 20'סטן מאַי — שלמה אויערבאַך איבער אקדמות.
שבת, דעם 27'סטן — סעם. לעוו איבער די פּאָליטישע לאַגע.
שבת, דעם 3'טן יוני, בן־צבי בערשטיין צום דערשיינען פון זיין בוך.


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 5 (העפט 355) צוויי און צוואַנציקסטער יאָר מאַי 1961 לאָנדאָן


## צום אייכמאַן משפט

צוערשט זיך לאָזן אויסקוילן, דערנאָך נאָך מוזן אויסהערן די טענה פונם רוצח, אז ער איז גערעכט, דאָס איז מסתם דער „נעשה ונשמע", פונם פאָלק וואָס האָט געבערענגט דאָס „לא תרצח"־געזעץ — דער גורל פונם „עמא דפזוזא"! און די פעלקער ארום און די מטרנותא'ס אין די לאָזשעס וואַרטן נאָך קלוג אויף א שלמה־המלך־פסק, וואָס זאָל „גוט־מאַכן" די אַלע גרויזאַמע „דע־פאַקטאָ"'ס.

מילא, אז אייכמאַן זיך צוהערנדיק צו די אַלע פאַקטן און ער ווערט נישט משוגע, איז ער דאָך א נאצי... אָבער אז זיין פאַרטיידיגער, דר. סילוואַציוס, אַ פראַקטיש־פאַרנופטיגער אַדענאוער־מענטש. אַן אינטעלעקטואַל, וואַרט נאָך צו פערטיידיקן זיין „קליענט"... קאָן מען שוין אַליין אַראָפּ פון זינען — —

מילא דעם אוממענטש, די נאצי־חיה, היט מען ער זאל נישט באַגיין קיין זעלבסט מאָרד... אבער אז דער סענטימענטאַל־ראמאנטישער גוטער דייטש פון „זאָננע און וואָננע", דיכטעריש און דענקעריש אן אויסגעקאָכטער אין „ווערטערס לײדן," גייט נישט אַהיים און טוט זיך אַ מעשה אָן?

מילא איז נישט קיין זעלבסט־מאָרד־עפּידעמיע איצט אין בײדע דייטשלאנדס, ווי די מערדער־עפּידעמיע דעמלט אין נאַצי־דייטשלאַנד... אָבער וויפיל זיינען עס וואָס זיצן ביי די טעלעוויזיעס און ברעכן די הענט פון פערצווייפלונג איצט און וויפיל רייבן זיי פון הנאה?

טעג, וואָכן, שוין דער צווייטער חודש און וויפיל „אומשולדיקע" מערדער האבן זיך שוין אַליין געמאָלדן פון זייערע „קאָשמאַרן" פּטור צו ווערן? בארמאַן, דער ראש־בריונים זייערער באהאלט זיך ווי אַ מויז און א קריסטלעך־קולטור פאָלק באַהאַלטן אים אויס... עס איז דאָך ממש פון זינען אראפּ צו גיין — — אַ „מה נאומר, מה נדבר"־קאָשמאַר הענגט איבערן קאָפּ, נישט אויסצוהאַלטן מער — — —

שיסט אים, הענגט אים, סמט אים; סקילה, שריפה, הרג וחנק — נאָר אַ סוף זאָל עס נעמען! מאַכטן פאַר אן ערן־נאַצי, פאַר אַ הערן־כנעני, פאַר א היטלער־מעראן, פאר א גוי־קדוש — — וואָס ווייסן מיר פון יהודימשע מאָראַל, פון קריסטלעך־בובערישע יאַנדעס — פון „איזראַעליטישע פערנונפט"?... וואָס ווייסן מיר וואָס שפינאָזיסטיש־עטישע רעאַל־פּאָליטיק פאָדערט?...

טוט מיט אים מאַכט מיט אים — נאָר אַראָפּ פון מאַרק! עס גייט שוין איבער די נערוון — זיי ציען זיך שוין צוזאַם אַרום האַלדז ווי פעטלעס!

צי מוזן מיר דען ערשט וואַרטן אין די „גאָט מענטש און טייוול"־מאַכע־

רייקע ביז סילוואַציוס וועט אויפטרעטן מיט זיינע קאָמפּלעטלעך „גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט" און „מאָטקע מאַך עס נאָכאַמאָל"?

די טרערן־דריזן אַרבעטן שוין! עס קיזשלט שוין אין די פּאַיטעס, נישט נאָר די וואָס שטייען דאָרט אויף דער גאַלערקע, עס קיצלט שוין אונטער די פּאַכוועס נישט נאָר די דאַמען, וואָס זיצן דאָרט אין די לאָזשעס — די טייוול־וויזיע ווערט דאָך געוויזן אין אַלע טעלעוויזיעס: „ביס! ביסס!!, דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס" — —

וואָס איז דען דער אונטערשיד פון היטלערס פּאָליטיק ביז צו דר. אַדענ־אוערס? די יועצים זענען דאָך די זעלבע! „שלאָגט דעם יודן איבער דער געלד־טאַשע" האָט עס געהייסן דעמלט, ביים אָנהויב פון דער דייטשער „גלאָ־ריע" און היינט הייסט עס: גוט מאַכונג", גלעט דעם ייד איבער דער קעשענע—

מיר וועלן די גויאישע, די קלויסטערלעך־קירכלעכע גלאָקן נישט ציען — עס קלינגט דאָך די צדקה־תציל ממות־פּושקע!

„חטאך בצדקה פּרוק", האָט מיר אַ תלמיד־חכם, וואָס האט געוווינט אין דייטשלאַנד אָפּגעזאָגט זיין פּסוק... אויף אַלץ האָבן מיר דעם פּאַסיקן פּסוק — אַז אָך און וויי צו אונז: מיר האבן דאָך אפילו א גאַנצע תוכחה איבער אונז אַליין!...

פּיין, ווייל, מיר האָבן באוויזן די וועלט, אז אונזערע ישראל דעטעקטיווס זיינען איינע אין דער וועלט; מיר ווייזן אויך די יידן מערדער, די אַנטיסעמיטן, אז מיר האָבן דעם יורידישן כוח צו משפּטן זייערע „הויפּט־לידער", זייערע „טשיפּ׳ס", זייערע ראש־בריונים; מען ווייזט אויך דעם יינגען דור וואָס יידן נע־בעך האָבן זיך איך גלות אָנגעליטן... אָבער, אז מיר וועלן זיך וועלן צו פיל באַווייזן, אַז מיר זיינען שוין טאַקע ככל הגויים, קאָן נאָך אונזער מלוכה, חלילה, ווערן ללעג ולקלס בין הגוים...

וויפיל מיר זאָלן נישט רעפּעטירן דאָס שפּיל, עס וועט נישט גוט אַרויס: ראשית, די טראַגעדיע איז צו גרויס, ושנית האָבן מיר נאָך צופיל דיפּלאָמאַ־טלעך, וואָס שניידן זיך ערשט די לעוואַנטינישע וואָנסעלעך...

אויב די האָק קאָן נישט פאַלן, זאל דאָך די פאָרהאַנג פאַלן! אויב א טראַ־געדיע פאַרציט זיך שפּילט זי אַריין אין קאָמעדיע... מיט איין־שאָס וועט מען סייווי נישט אויסראָטן דאָס נאַצי־געראַיע איןביידע דייטשלאַנדס, וואָס איז שוין ווידער פאַרשפּרייט אין אַלע לענדער, צומאָל אונטער די קוליסן פון דער אייזערנער־פאַרהאנג; וואַגנערישע וואַקכאַנאַליע אָפּערע שפּילט זיך לייכט אַריין אין א „קונע לעמל"־אָפּערעטע...

* * *

אַ וואָרט נאָך צום עיקר הענין, און מיר וועלן זיך אויך באַנוצן מיט אַ פּסוק, אָבער נישט מיטן יוריסטישן „על פּי שנים עדים יקום דבר", נאָר מיטן נביאישן: „לא לפי ראות עיניו ישפּוט". שוין דערפאַר וואָס דעם קאָרפּוס דעליקטי האָבן די רוצחים ליקווידירט, און עדי הראיה ווי אַ: דר. א. און דר. קעסטנער האָט אַ „שוואַרצע האַנט" באַצייטנס אָפּגערוימט.



## „שדי קרע שטן"

די בלוט־און טרערן־כוואַליע — — משוגע צו ווערן!
און די מיליאָנען פאַר די הילכערס זיצן און הערן,
אויער אַריין אויער אַרויס, א סורפּריז צווישן סורפּריזן;
די טייוול־וויזיע אויף טויזנטער טעלעוויזיעס געוויזן,
זי באַלד אָפּצווישן מיט גרויסע קראָקאָדיל־טרערן.

עס שרייבן זיך אָבער ווערטער אויף אַ פעסטער מויער,
לענגער ווי די ערד אונזערע וועט זיין זייער דויער!
מיט שטיקל קויל פון קדושים פאַרקוילטע איבערגעבליבן,
וועלן אותיות גרוליק, שוואַרץ־גראַניטן זיין אויפגעשריבן,
טיף איינגעשניטן אין יעדן האַרץ, פון אַזאַ טרויער.

אַ „מנא תקל" — קרעמאַטאָריע־פלאַקער־צונגען אויפגליען,
טויזנט און איין געטאָ־מויער וועט זיך די וואַנט ציען,
די לעבעדיק־באַגראָבענע, אומשטערקלעך אונטער איר ליגן,
באַגלייטן וועלן די ווערטער, מיט אל־מלא־רחמים־ניגון,
ביז מיט קרא־„קרע שטן" שוואַרצעסטע קרא שוין וועט אויפפליען.

## „דער חשבון איז צדק נאר די קעשענע איז געשעדיקט"

(געווידמעט די אַסטראָנאַט־העלדן)

ווען אַ קינד כ׳בין געווען האָט מען אין צירקוס,
אַרויסגעשאָסן אַ מענטש פון א הארמאט,
איצט שיסט מען אים שוין פון א ראָקעט אַרויס,
דער חשבון קלאַפּט מאטעמאַטיש אקוראט:

וויפיל מענטשן קאָן הרגענען אַ ראָקעט,
הונדערט טויזנט מאָל מערער ווי אַ האַראַמאָט,
מוז דאָך אויך אויף אַזויפיל מאל זיין גרעסער
דער צירקוס קונסשטיק, עס שטימט אין מינדסטן פּרט,

די פרייד איז נישט צי גאַרגאַרין, צי שעפּערט,
ווער פון זייביידע ס׳איז דער גרעסער כוואַט,
די צרה נאָר, וואָס מיט א ראָקעט אַצינד,
קאָן מען מער הרגענען ווי מיט אַ האַרמאָט.

בלויז, אַז „צירקוס און ברויט" דאָס וויל ער דער מענטש,
זיך פרייען אַ ביסל און עסן צו זאָט,
טא וואָס דערחילוק מיט וואָס מען הרגעט אים,
מיט אַן אטאם־ראָקעט צי מיט אַ האַרמאָט?

## וואַרט־וואַריאַציע

לכבוד שבועות

1

יללה־בהלה צעהוליעטער ים,
דער אימה געשריי אין מדבר און וואַלד,
און מיט וואַסער פחד־און ווילדן שווייגן,
ווען אַ שטערן פון הימל אַראָפּפאַלט.

הענט און פיס צעוואָרפענע, פון זיך געשטרעקט,
פאַרשטעקט אין אַ פינסטערן פעלדזן־שפּאַלט;
דער גאַנצער גוף, דאָס געביין, די גערערעם,
איין עכאָ־איינגעהאַלטענער געוואַלט.

עס צעפּלאַטשט דער שיידל ביז צום צעפּלאַצן —
בליץ־צעשפּריצט בליק־צעשפּיצטער שטערן־פאַלט,
און די גראַטשעס קריצן אויס דעם שדי־שין,
דאָס אות אויף וואָס די גאַנצע וועלט זיך האַלט.

2

עס האָט דער מענטש אַ שטיק פעלזן צעקריצט,
ווי גאָט באַהויכט האָט א הויפן, ערד,
און ווי ס׳אָטעמט אויף ס׳עפּר־הייפעלע,
דער שטומער שטיין הויך צערעדט זיך, הערט —

דער מם און דער סמך פון די לוחות,
ווי אויגן צוויי קוקן זיי אין דיר,
און גילגאַמעטש, דער ריז, הערט גאָר נישט אויף,
מעשות צו דערציילן אָן אַ שיעור.

עס האָט גאָט געגעבן לעבן די ערד,
און דער מענטש — שכל צו טויטן שטיין!
ער קוקט אויף דיר מיט אַזויפיל חכמה,
און גיט דיר דאָס לעבן צו פאַרשטיין.

אָבער ווי דער מענטש אָן גאָטס אטעם־הויך,
בלייבט ער ליגן אַ הייפעלע קויט,
דער שטיין אָן מענטש׳ס טיף־געקריצטן שכל,
ווערט פונם „לא־תרצח“ — מאָרד און טויט.

אַ קרישקעלע פון שטיין, אַ שפּריץ, אַ שפּיץ,
און גלית דער ריז, ער ליגט אַ מת — — —
און נישט לעבן מער, נישט טיפע חכמה,
דער טויט גאָר איז דעמלט שוין דער נס.



2

דאָס האַרץ פון פרייד וויל אַזש אויפפּלאַצן,
ווערטער פון אַ מויל מ׳הערט אַרויס ריידן,
טוליענדיק, סאַמעטן־גלעטנדיק,
ווי דורך טיכעלע אַטלעסן־זיידן.

און מאוס עקלדיקע אַזעלכע,
דעם מין מענטש גאַנץ אים שוין אויסצומיידן —
די בלעקענדיק־בלעקעצדיקע צונג,
פון אייגענעם האַלדז זיך אויסצושניידן!

אַ הויפן־שטרוי, אויסגעמליטשעטן,
אַ בהמה מעלה־גירה׳ט מעת־לעתן,
דאָס אייגענע ביסעלע שפּייעכץ,
ווידער און ווידער אַרויסצופרעסן.

א סקאָרינקעלע, א פאַרשומלטס,
פון ווערעם, פון מאָט, פון מייז צעפרעסן,
אַזוי־אָ קאָנען ווערטער ווערן,
און הייליק אייביק נישט צו פאַרגעסן —

3

רויזן־און בעז־ביימל אין פרילינג,
ווי פלאַמיק, ווי גלוטיק זיי צעגליען,
אַזוי ליפּן צעקנאָספּעטע ווערטער
מיט שמעקעדיקע בשמים אויפצובליען;

זומער־פייגעלעך, זון־צעשטראַלטע,
די אותיות־פורחות אַרומפליען!
און ווי לייזיק ווערטער קאָנען זיין,
קעפּ טוען זיך מיט פאַרכעס צעבליען.

ס׳שוועבן לידער אָן אין מיין שטובל,
ווי שוואַלבן אין נעסט מעבר לימים,
מיין פינסטער האַרץ פריידיק צעפלאַטערט.
צעזינגט זיך מיט זיי אין כאָר צוזאַמען.

פלוצלינג דערהער איך אַ קראָ קראַקען,
רויב־פויגל־געשאַר צווישן די שטאַמען,
און איך ווער ווי אַ בליץ אין שטרועם־ווינט,
אַזש דער גאַנצער וואַלד גייט אויף אין פלאַמען.

(סאָנעט)

4

עס זיינען די לוחות געקריצט אויף אַ שטיין,
און אויף אַ האַרץ ווערן לידער געשריבן;
עס קרישלט דער שטיין, אַ האַרץ ווערט צעריבן,
בלויז גאָטס וואָרט, די ליבע בלייבט אייביק באַשטיין.

אַ ברויזנדיקער ים ריזלט דאָס געוויין,
טרערן און בלוט — — אָבער די, וואָס געבליבן,
ווי צו אַ פעלדזן פון כוואַליעס צוגעטריבן,
ראַטעווען זיך אַ ווייל, גאָטס וואָרט צו פאַרשטיין.

די ליבע ווער ס׳דערפילט, אַ רגע כאָטש בלויז,
אַז דאָס האַרץ פון בענקעניש גייט אים אזש אויס!
בלויז דער קאָן פאַרשטיין אַ ליד ווען ער לעזט.

אין ברויזיקן ים פון בלוט און פון טרערן,
ווו שטאַרקערסטער פעלדזן צעשמעטערט מוז ווערן,
פנים אל פנים די ליבע דו דערזעסט.

5

אז צוויי ווערטער גראַמען זיך צונויף,
איז עס ווי אַ זוויג צווישן מאַן און פרוי;
ווי גרויליק וואָכעדיק האַרץ און שמאַרץ,
אָבער אז גליאיק דערפילסט דעם טיפן אוי.

טויזנט מאָל געפּאָרט און באַהעפט שוין,
און תמיד יום־טובט אַ פרייד פלאַמיק אזוי.

ווען צוויי ווערטער גראַמען זיך צונויף,
איז עס ווי אַ זוויג צווישן מאַן און ווייב:
געדאַנק און געפיל בלוטיקט צוזאַם,
לעבעדיק אויפצואָטעמען אין איין לייב.

ווי אין ערשטן מאָל א פאַרליבטער,
טויזנטסטן גראַם מסתם איך זיך דאָ און שרייב.

ס׳פלאַפלט א ליפל: פאַ—פא, מאַ—מא,
הענטלעך און פיסלעך גראַבלען זיך בלינד,
ס׳פונקלט טרערעל אין אייגעלע —
מיין האַרץ ביי מאַמען אין וויגעלע אַ קינד.

צי איז עס נישט דאָס זעלבע וווּנדער,
אַז איך קאָן נאָך גראַמען א ליד דא אַצינד?



אַרויסשניידן א ריפ, פונם לייב — —
זוי צעשניצט שוין ס׳קאָן ווערן אַן עלפנביין,
און ערשט אַ מענטשלעכער אין גאָטס האַנט!
אָבער אַז דאָס האַרץ מען רייסט אַרויס אַליין?

ווי ס׳צאַפּלט, ווי ס׳פלאַפּלט, וויס׳קאַפּלט:
קאָפּ — כלאַפּ, קאָפּ — כלאַפּ — — — אַ טראָפּ וואס לעכערט אַ שטיין.

## בן צבי בערנשטיין

## א שפיצל פון ר׳ נפתלי ראפשיצער אין אן ערב־שבועות

געווען א גאלדענער קידוש בעכער ביים „חוזה פון לובלין“ וואס איז גישט געווען זיין גלייכן אין שיינקייט, אין דער גאנצער מדינה.

דער בעכער איז געמאכט געווען פון איין שטיק „מקשה זהב טהור“ געליי־טערט גין־גאלד. אזוי ווי די „גביעים“ וואס האבן באצירט די הייליקע מנורה פון בית־המקדש. דאס שלאנקע געטאקטע פיסל, וואס האט, דורך דריי ארעמס, געטראגען אויף זיך דעם בייכלדיקן געשטעל פון בעכער האט אויסגעזען ווי איינער פון די „יכין ובועז“־זיילן ביים הר הבית פון בית־המקדש. ווי ער, דער בעכער אליין וואָלט געזאגט א קידוש לכבוד דעם הייליקן שבת...

פרייטיק צו נאכטס, ווען דער „חוזה“ האט אפגעזונגען „רבון־העולמים“ און געשטעלט זיך צום טיש זאגן „שלום עליכם“ האט הער עולם, דאס ערשטע, געווארפן א בליק אופן „קידוש בעכער“. ווי א שטאלצער מלך איז ער געש־טאנען אויפן חוזה׳ס שבת טיש, איינשלינגענדיק, פון איין זייט די ברוינטיכע געפלעכטעכץ פון די חלות, און פון דער צווייטער זייט — דעם צניעותדיקן בלאסן אָפשיין פון די שבת־ליכט. פון וואנעט דער בעכער האט זיך דערנומען צום חוזה, האט קיינער נישט געוווסט. עס איז געווען אַ סוד כמוס, חסידים האבן זיך, אפילו, געפרווט בארימען, אז זיי האבן געהערט ערגעץ ווו, אז דער בעכער זאל שטאמען פון ר׳ יואל בעל־שם, וועלכער האט זיך באנוצט מיט אים נאר ווען שבת איז געפאלן אום יום־טוב: אנדערע האבן גאָר געהערט, עס זאל שטאמען פון „מהר״ל“ מפראג וואס דער גולם האט אים געבראכט פון א פארבארגן ארט. אבער דאס זענען נאר געווען קלאנגען. דער איינציקער וואס וואלט געקענט עפעס דערציילן פון בעכער, איז געווען — דער חוזה אליין.

אַ גאנצע וואך איז דער בעכער אפּגעשלאסן געווען אין קאַמאָד פון חוזה׳ס פראווע צימער, דאס שליסעלע פון קאמאד איז געלעגן פארשטעקט אין חוזה׳ס וועסטל טאש, קיינער האט צו דעם נישט געקענט צוקומען. יודעי־חן האבן אויסגעפונען אַ טעם פאר וואס דער חוזה האלט א גאנצע וואך דעם בעכער פארבארגן פון מענטשנס אויגן: ווייל ווען מען וואלט געגעבן א קוק אופן בעכער אין א פראסטן טאג, וואלט פלוצים, געווארן שבת אינמיטן וואך... מבחינת „יום שכולו שבת“... ווייזט אויס, אז דער דאזיקער טעם איז געווען א ריכטיקער, ווייל דער חוזה האט שטארק געהיטן דעם בעכער א גאנצע וואך, נאר פרייטיק אינדערפרי, נאך דער מקוה, האט ער אים ארויסגענומען אויסגע־

פוצט מיטן ווייסן אַטלאַס פון זיין שבתדיקער זשיפיצע, און אוועקגעשטעלט, בדחילו ורחומי אויפן ווייסן טישטוך פון שבת טיש. קיינער חוץ אים האט דעם בעכער ניקשט געדאפט נוצן, נישט רירן, נאר קוקן, בלויז ווי עס שטייט ביי די הייליקע חנוכה ליכט: „אלא לראותום בלבד“...

חסידים איז דאס האַרץ אויסגעגאַנגען צו מאכן א ברכה איבער דעם בעכער מיט ווייַן, כאטש א פראסטן „שהכל“ אפילו איבער וואסער. אָבער קיינער האָט נישט געקאנט חלומען פון אזא גליק! סיידן דער חוזה אליין זאל נעמען דעם בעכער און געבן אין האנט אריין, און דאס איז דאך אבער — אַ „מילתא דלא שכיחי“... האבען די חסידים געקוקט אויפן בעכער מיט גלוסטעניש און בענקעניש, און מיט אלע כוחות פארשטיקט אין זיך דעם שטארקן רצון, כאטש אנרירן דעם בעכער.

די תשוקה פון ר׳ נפתלי ראפשיצער צו אט דעם קידוש בעכער, איז געווען נאך א גרעסערע ווי ביי אלע חסידים. זיין גאנץ פארמעגן וואלט ער אפגעגעבן, ווען ער קאָן כאטש איין ברכה מאכן איבער אים. ער האט שוין אפילו געפרווט רעדן מיטן חוזה און בעטן אָבער, דער חוזה האט זיך געמאכט נישט הערנדיק, און קיין תשובה נישט געגעבן.

ר׳ נפתלי איז נישט געווען פון די וואס גיבן אזוי שנעל אויף א מערכה. ער האט געווארט און געטשאטעוועט ביז עס איז געקומען די מעשה מיט די ציבעלעס.

א מנהג איז געווען אין לובלין, אז אויף אלץ וואס איז שייך צו דער שבת סעודה האט מען געקאנט מוותר זיין, נאר נישט אויף — ציבעלעס. געווען צייטן: ווען פיש איז געווען א יקרות, גויים האבן געוואלט ציען הויכע פרייזן, האט דער לובלינער רב, ארויפגעלייגט א חרם אויף פיש. עס שטייט אָבער דאך בפירוש: „בשר ודגים וכל מטעמים“, פיש האט מען נישט געגעסן. אבער ציבעלעס? דאס האט תמיד געמוזט זיין, אפילו אין דער מלחמה צייט, ווען פוילישע לעגיאנערן האבן געקעמפט אויפן לובלינער וועג באשאסן די שטאט, און פון דער צווייטער זייט שטאט האבן געשטראמט ווילדע קאזאקן מיט הוילע שווערדן — האט דער חוזה גערופן צוויי חסידים, מיטגעגעבן זיין שטעקן, און געשיקט זיי אין דארף אריין קויפן ציבעלעס...

אין יענעם ערב־שבועות איז געווען זייער אַ הייסער טאָג, די זון איז אַרויס פון איר פוטער־פאַס, אין גאנץ לובלין האט מען נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש: בלויז איין פויער איז געקומען אויף א פערד רייטענדיק אין מארק אריין מיט עטליכע בינטלעך ציבעלעס. ר׳ נפתלי ראפשיצער האט א טראכט געטאן: יאָ איצט איז די צייט! ער האט צוגערופן דעם פויער און אפגעקויפט ביי אים אלע ציבעלעס. דערנאך האט ער געפרעגט דעם פויער וויפיל ער וויל פאר דעם שעפסענעם פעלץ מיט דעם פוטערנעם היטל? דער פויער האט אויפגעעפענט אויף אים א פאר קעלבערנע אויגן: וואס טויג דיר מיין פעלץ און מיין היטעל? און אין וואס וועל איך א היים פארן? אבער ר׳ נפתלי האט ארויס גענומען א „זשמעניע“ געלד, אז דער פויער האט זיך אזש



איבער־געצלמט און ער האט אפגעגעבן ר׳ נפתלין דעם פעלץ מיטן היטעל און א שפיי געטאן אויף די דלאָניעס און איז אין גאַלאָפּ אוועק געריטן א היים.

קודם כל, האט ר׳ נפתלי אוועקגעטראגן די בגדים צו א שניידער, בודק זיין צי עס איז נישטא קיין שעטנ״ז. ער האט אויף זיך ארויפגעצויגען דעם פעלץ מיטן היטעל, און פארשטעלט זיך געענוי ווי א פויער. די ברייטע בלאנדע באָרד האט ער איינגעדרייט אין א קנופ און ארונטער געבונדן פון הינטן. מיט א הארנאדל וואס ער האט געהאלטן אין די ציין, האט ער פארריסן די נאז מיט א שפיץ, אויבן פארשמירט די שטיוול מיט דזשעגעכץ, און מיט סאדזע פארריסט דאס גאנצע פנים.

אזוי האט ער זיך אין די פויערשע קליידער אוועקגעשטעלט אויף דער ברייטער גאס, קעגענאיבער דעם חוזה׳ס בית המדרש, און אויסגעשריגן אויף גראבן פויערישן לשון: ציבעלעס צו פארקויפן!...

אזוי ווי די היישעריקן האבן זיך די חסידים א ווארף געטאן אויף אים, יעדער האט געוואָלט כאפן די ציבעלעס. דער פויער האט זיך גענומען ראנגלען, אלעמען אפגעשטופט, און אויסגעטיילט קולאקעס אויף רעכטס און לינקס: ניין! איך פארקויף נישט מער די ציבעלעס, א חסיד האט אים גענומען בעטן: אַז אלע דארפן די ציבעלעס נאר פאר איינעם, פאר א צדיק... האט דער פויער זיך באזונען: אויב אזוי, וויל איך פארקויפן די ציבעלעס נאר אים, אליין. עס האט נישט געהאלפן קיין טענות ומענות קיין שום געבעט, מען האט דעם פויער געמוזט ארויפירן צום רבין אליין אין פראווע־צימער.

עס איז פונקט געווען אין דער צייט ווען דער חוזה איז געזעסן א צופלאמטער, און געפוצט מיט דער אטלאסענער זשופיצע דעם קידוש בעכער.

וויפיל וויל דער ערל פאר די ציבעלעס? האט דער חוזה געהייסן א חסיד וואס קאן גויאיש, פרעגן דעם פויער.

איך וויל נישט קיין געלט, איך בין דורשטיק, עס איז מיר הייס, איך וויל א גוטן טרונק בראנפן — האט דער פויער געענטפערט. — נעם, ברענג אריין אגלעזל, און גיב אים — האט דער חוזה באפוילן דעם שמש!

ווי דער פויער האט א קוק געטאן אויפן קליינעם בראנפן גלעזל, האט ער א טופע געטאן מיטן פוס. — וואס? אזא קליין גלעזל? איך וויל א פולן בעכער בראנפן, ווי אָט דער בעכער! האט ער אנגעוויזן אויפן קידוש בעכער.

דער חוזה האט אויפגעציטערט: נו, גיב אים שוין די גאנצע פלאש, און פטור.

וואס בין איך? א שיכור? איז דער פויער געווארן באליידיקט. ער האט א כאפ געטאן די ציבעלעס און געוואלט אנטלויפן.

חסידים האבן אים פאהאלטן, דער רבי אליין האט, מיט ציטערדיקע הענט אנגעגאסן א פולן בעכער מיט בראנפן און דערלאנגט דער פויער.

ווי נאר דער פויער האט געקריגן דעם בעכער פון חוזה׳ס האנד, האט ער פארזשמורעט די אויגן, פארקוועטשט דעם שטערן, און זיך צעטיאקלט ווי א פרומער חסיד:

— ברוך אתה... מלך העולם שהכל נהיה בדברו...! און איבער געדרייט דעם בעכער מיטן בראנפן אין האַלדז אריין. א ציטער האט ארומגעכאפט דעם עולם חסידים, און דער חוזה האט זיך צעשמייכלט:

וואַ, וואַ, אזא חכם ר׳ נפתלי?! פון הונדערטער מיילן ווייט זעט מען וואס עס טוט זיך, און דא — האט מען נישט געזען ווער עס שטייט פאר די אויגן!...

— אזא פיקח! זאל דיר וויל באקומען נפתלי! ביזט עס ווערט! לחיים, לחיים לחיים פאר אלע יידן, אמן...

## שמואל ווהייט

### צי איז עס דיין ווילן?

אין ענגע שעהן טראַכט איך:
צי איז עס דיין ווילן?
צי האָט דער שטן
די שליטה איבער מיר?
ווי נעם איך איוב׳ס כוח,
דיין איבערגעגעבענער דינער
ווייטער צו בלייבן.
די שווער באַלאַדענע משא
ווערט טעגלעך שווערער;
צו האַרט איז דער נסיון,
בלוטיקט מיין צעמזיקט האַרץ,
אויף שטרויכלנדיקע וועגן,
אין ענגע שעהן.

## טאראס שעווטשענקא

### מיין צוואה

ווען כ׳וועל שטארבן, מאכט מיין קבר אויף א בארג,
אינמיטן א גרויסן ברייטן — שטעפ
אין אוקראינע וואס כ׳ליב אזוי הארציק און שטארק.
אזוי אז מע זאל קענען זען די ברייטע פעלדער
און דעם ברעג פון דעם שיינעם דנעפ
מע זאל קענען זען, הערן די רוישענדע פאליעס,
ווען זיי טראגן זיך פון אוקראינע צו די גראע ימען.
מיט בלוט... דאמאלט וועל איך איבערלאזן,
די ברייטע לאנעס, די בערגער אלעס צוזאמען
כ׳וועל אנטלויפן צו גאט
כ׳וועל תפילה טון
ביז כ׳וועל גאט דערקענען,
מיך באגראבט און איר שטייט אויף
און צערייסט די קייטן
דאס בלוט שווענקט אייך אפ
כ׳וועל זיין דאמאלט צווישן א גרויסע משפחה
אין א פריי לאנד, מיט א נייע ברכה,
געדענקט האטש אמאל צו דערמאנען מיך אין אייער ארט
מיט א גוט, שטילינקע ווארט.

יידיש: משה דאמב

---

צום 100׳סטן יאָרצייט פונם גרויסן אוקריינישן פאָלקס־פאָעט. — ד.ר.



## עלי זילבערג

### ווען איך טראכט פון דיר...

ווען איך טראכט פון דיר מיין ליבסטער,
הער איך מוזיק געטליך שפילן,
און אין הארצן, ווי פון פיבער,
רוישן זידען די געפילן.

ווערן הימלען אנגעצונדן,
ניט איין וואלקן צו דערקענען,
זון און ליבע, איין גרויס פייער,
דוכט זיך וועלן מיך פארברענען.

און מיין גארטן, נאר וואס ליידיג,
אפגעוויאנעט אלע בלומען,
טראכט איך נאר פון דיר מיין ליבסטער,
פילט די לופט זיך מיט פערפיומען.

זע איך ווידער געלע רויזן,
און די רויטע, און די ווייסע,
בלויען שטאלץ אויף יעדן שטיינגל,
ווי די קושן, זאפטיג הייסע.

פון מיין צימערל דאס קליינע,
ווערט א פאלאץ גרויס און פרעכטיג,
און דו גיסט אויס די באפעלן,
ווי א מלך, גרויס און מעכטיג.

וויל איך דינען דיר מיין ליבסטער,
זיין א שקלאף פאר דיר מיט פריידן
האסט דערהויבן מיך צום הימל,
און באוויזן מיר גן־עדן.

## ש. טענענבוים

### זילבערנע און גאלדענע הענט

(אַ מיניאַטור)

איך האב געזען אין יידישן מוזעאום א רייכע צאל מיט תורה־יד׳ן; יד׳ן פון מעש, פון קופער, פון זילבער און פון גאלד. איך האב געטראכט: די הענט פון די יידן, וואס האבן געהאלטן די יד׳ןביים הייליקן, געלן פארמעט, זיינען שוין פון לאנג פארוואנדלט געווארן אין אש און אין שטויב. אבער אט איז געשען א נס: די הייליקע יידישע הענט זיינען פארוואנדלט געווארן אין זילבערנע פינגער, אין קופערנע נעגל, אין גאלדענע יד׳ן... און עס ציט זיי אזוי ווי א פייערדיקער מאגנעט צום כשוף און צו דער חכמה פון דער תורה...

### משה בעקערמאן

## א הונט — א „דעלינקווענט" (צום משפט פון אייכמאַנען)

אויב איר מיינט, אז דער מענטש איז די איינציקע חיה, וואס פראדוצירט א „דעלינקווענט" יוגנט, בין איך זיכער, אז איר לייענט נישט די ענגלישע טאג־פרעסע.

איך האב נישט קיין גענויע ציפערן, נאר אויב איר ווילט זיך מטריח זיין און ווענדן צום פארוואלטער פון זאאלאגישן גארטן, וועט ער אייך, מסתמא, געבן א לאנגן צעטל פון „דעלינקווענט" מאלפעס און אנדערע חיות.

דא וויל איך בלויז באשרייבן דעם שיקזאל פון א „דעלינקווענט" הונט: ער איז טאקע געווען א גרויסער לאבוז; אין אלע הינטישע גאסן־געשלעגן איז ער געווען דער הויפט־מחותן, נישט קענענדיק פארבייגיין קיין געשלעג און זיך נישט אריינמישן, אריינשטופן זיין נאז... נאר אויב די טאג־פרעסע מיינט, אז מיטן צעלייגן אויף טעלערלעך די שוואכקייטן פון דער הינט־יוגנט וועט מען ריינוואשן די מענטש־יוגנט, בילט מען, מיין איך, אויפן נישט ריכטיקן בוים...

אינטערעסאנט איז אבער די שטעלונג, וואס דאס געזעץ נעמט אן לגבי דעם הונט, ווען עס האנדלט זיך אין הלכות־„דעלינקווענץ". ס'איז טאקע אמת, אז די „געזעלשאפט" זארגט פונקט אזוי גוט פארן הונט ווי פארן מענטש. צו דעם צוועק עקזיסטירן „בארסטאל"־אינסטיטוציעס פאר ביידע מינים, נאר דער הונט באקומט דעם ערגערן פסק.

צי דאס נעמט זיך דערפון וואס די „בארסטאל"־אינסטיטוציעס פאר מענטשן (אויסבעסערונג שולעס פאר יוגנטלעכע פארברעכער) זענען פול געפאקט און די פאר הינט — האלב ליידיק, ווייס איך נישט. נאר ווי די זאך זאל נישט זיין, דער הונט איז, נאך א גרויסן גאסן־געשלעג, ארעסטירט געווארן און מען האט אים געבראכט פארן געריכט.

ווען איר קוקט אן דעם דאזיקן הונט, מיט זיין רחמנות־פנים, זיינע פאר־זארגטע אויגן און די צוויי אראפהענגנדיקע אויערן, וואלט איר געמיינט, אז ער קען „קיין צוויי נישט ציילן"... איר וואלט גארנישט געגלויבט, אז ער איז פארמישט מיט א חברה אוואנטוריסטן.

דער פראקוראר האט געגאסן מיט פעך און שוועבל, האט אויסגערעכנט א לאנגן צעטל פון געשלעגן, אין וועלכע אט דער הונט האט גענומען אן אקטיוון אנטייל. דער ריכטער האט געווארפן אויגן פון איין כלב צום צווייטן (אנט־שולדיקט, איך מיין פון פראקוראר צום הונט), און דער הונט האט דערשמעקט, אז זיין לאגע איז נישט פויגלדיק...

הכלל, ער איז פארמשפט געווארן — נעמענדיק זיין יוגנט אין אכט — צו

---

צום פלוצלינגען טויט פון אונזער פריינט **יצחק מאנדעלבוים** דריקן מיר אויס אונזער מיטליד צו דער פרוי ברידער און שוועסטער פונם נפטער.

פריינט פון יידיש לשון



זעקס חדשים „בארסטאל" אין אן אנשטאלט פאר הינט.

איך אליין האב קיינמאל נישט געהאלטן פון דער רפואה פון אן אויס־בעסערונגס־שולע. פון וואס פאר א סביבה, משטיינסגעזאגט, דערוואַרטן די צער־בעלי־חיימניקעס, אז א „דעלינקווענט" זאל ארויסקומען א לייט?... וואס מיינען זיי איז דארט — א תלמוד־תורה צי א ישיבה?

ווען א בחור זיצט אפ זיין טערמין איז ער פריי. אט דאס געזעץ איז אבער נישט חל אויף הינט. נאך אלעמען, האבן זיי דאך קיין דעה נישט אין געזעץ־מאכעריי.

אז די אייגנטימערין איז געקומען אפנעמען איר „תכשיט", האט מען איר מודיע געווען, אז ער איז נאך נישט ראוי לברכה — באפרייט צו ווערן. ער האט א „פארשטאפטן" קאפ, און דאס „קנעלן" גייט אביסל שווערלעך... דער פסיכיאטאר איז ביי דער מיינונג, אז ער האט געמוזט אמאל, אין זיין פריערער יוגנט, האבן געכאפט א ריכטיקע פארציע פון אן עלטערן כלב; און דאס האט געהאט א שלעכטע ווירקונג אויף זיין ארט „דענקען"...

נאך א לאנגער שקלא וטריא אין געריכט איז באשלאסן געווארן, אז עס וועט נאך דויערן א זיבן חדשים איידער מען וועט אים קענען ארויפברענגען אויפן „דרך הישר"... דער ריכטער האט געמאכט איין באדינג: די אייגנ־טימערין פונם הונט מוז בייזיין אויף די לעקציעס אין דער „בארסטאל"־שולע, כדי זיך אויסצולערנען די טעכניק פון האלטן א „דעלינקווענט"־הונט אין צוים...

ווען די הינט אין דער וועלט איין זיך נישט באפרייען פון דעם מענטשנס „קאלאניאליזם" און ווערן זעלבסטשטענדיק, וועט מען זיי ווייטער באהאנדלען ווי הינט, און זייער צוקונפט איז האפנונגסלאז.

### יוסף לעפטוויטש

## יידיש

יידיש איז ניט טויט,\
צו טראגן תכריכים,\
קליידער וואס מ'טוט מער ניט אויס,\
ווען ס'איז מער נישטא קיין קיום.

ווייל נאענט צום לייב\
האט זי געטראגן גאָטס תורה ווארט,\
אונזער אייביקן טרייסט,\
אונזער הייליק געבאט.

יידיש לעבט,\
זי בייט נאר איר קלייד,\
זי קלייבט צו שיינע הייבלאך\
צי איר ליבלעכקייט.

ווען זי איז אוועק פון דעם ריין,\
אין סלאווישן לאנד,\
האט זי זיך ניי אויסגעפוצט,\
אבער מיט יידישן פארשטאַנד.

ווען זי איז געקומען העבראיש אנגעטון,\
זיך באזעצן ביים רהיין,\
האט זי געטראגן דייטשע מלבושים,\
און זיי געטראגן מיט חן.

אין אמעריקא אויך,\
האט זי זיך אויפס ניי אויסגעקליידט,\
לויט דעם אמעריקאנער שטייגער,\
ווי א מענש צווישן לייט.

ז׳ האט אויסגעטון דעם שייטל,
און דעם שווערן רוסישן שאל,
זי טראגט איצט האנטשן,
און גייט טאנצן אויפן באל.

זי וויל איבעראל זיך פילן,
או זי איז אין דער היים ביי זיך,
טראגט זי אמעריקאנער קליידער,
און אמעריקאנער שיך.

זי איז מאמע־יידיש,
ניט קיין יונג נאריש קינד,
וואס ווייס ניט וואס עס פאסט פאר איר
זי איז קלאר און באזינט.

זי ווייס וואס צו נעמען,
פון דעם אלעם וואס ס׳איז דא.
זי גיט עס א יידישן טעם,
און א מזלדיקער שעה.

## א. נ. שטענצל

# מיין ברודער שלמה

עס איז שוין געווען נאך לייב הערשנס פארשפעטיקטער חתונה אין מילעוויץ, נאך דעם ביטער־בייזן און בושהדיקן אומגליק, וואס האט דארטן געטראפן. איז טאקע די חתונה נאך פרעכטיקער געפראוועט געווארן צו פארדעקן די גרויסע חרפה און צו פארגעסן דעם נאגנדיקן ווייטאק. וואס איך געדענק איז, אז גאנץ מילעוויץ, פון די אביעשטשיקעס־קאזארמעס, איבער דער אויסגעקראכענער לאנקע ביז צו דער קאפאלניע — איין גרויסער טשעלאדזשער קערמיס! טישן געדעקטע און בענק מיט מענטשן, און קאפעליעס שפילן; קלעזמער אויף פידלען און באסן, סאלדאטן און גורניקעס אויף טראמבעס און טראמפייטן. און פלוצלינג, אינם געקלאפ פון טאצן און פויקן, א געלויף, א געשריי:

— יידע־פייוול דער מחותן מאכט קאזשילקעס אויפן הויף!

דא איז נישט געווען קיין חתנס צד, קיין כלהס צד — חתן־כלה זיינען געשוועסטערקינדער! איין גרויסע משפחה, דער באבע צימעס אייניקלעך און אור־אייניקלעך; בלויז די צימעלעך צווישן די טאנצנדיקע מיידלעך זיינען איבער א שאק. גאנץ בענדין, און ארום ארום זאגלעמביע, ביז פילץ, ביז וואלבעראם זיינען געווען די מחותנים אויף דער חתונה: דער בענדינער עילוי, דער בעסטער בחור פון סאכאטשעוו האט היינט חתונה — דער קינצקער רב ר׳ יואב יהושע איז דער שליח, דער עומד מצד סאכאטשעוו!

אין פוילן האט מען נישט געוואוסט פון קיין ישיבות. יעדעס בית־מדרש, יעדעס שטיבל, איז געווען א לערנענדיקע ישיבה, געפאקט מיט בחורים און קעסט־יינגעלייט. איז א שטעטל בארימט געווארן מיט איר׳ס א רב, א למדן, א גאון, איז עס פול געווארן מיט אנגעפארענע יינגלעך און בחורים, טעגעסערס, און דאס שטעטל איז געווארן א מקום פרנסה פון די נגידישע יינגלעך אין פענסיאנען — סאכאטשעוו איז געווען די העכסטע מדרגה! דארטן האבן זיך געזאמלט די עילויים פון פוילן. און הערש־לייב טשעלאדזשער, אדער ווי ער האט שפעטער געהייסן הערש־לייב סאסנאווצער, וויל דער פאטער האט זיך געצויגן קיין סאסנאווצע, דער בענדינער עילוי, איז געווען דער עילוי צווישן ר׳ סאכאטשעווער עילויים.



ביים חתן אויבנאן, וואס פון איין זייט איז געזעסן ר׳ יואב יהושע, דער קאזשיגלעווער רב, פון דער אנדערער זייט ר׳ יוסף ענגעל מיט מיין טאטן, דעם חתנס פעטער פוןביידע צדדים, האט דער טאטע געפראוואוט צו כאפן א שמועס צווישן איין פשטל און צווייטן מיט ר׳ יוסף ענגעל צי ער זאל נישט אריבערשיקן זיין יינגל צו אים. ס׳איז א בחורל מיט „כלים״, א שארף מוחל.

— אז מ׳האט א לייב־הערשן ביי זיך אין שטוב, צו וואס ברויכט איר מיך?! — האט ר׳ יוסף ענגעל שארף איבערגעהאקט דעם שמועס.

טאקע אויף דער חתונה, אויף דער לעצטער „שבע ברכות״, איז שלמה געווארן א חתן מיטן סאסנאווצער שוחטס טאכטער. דער שידוך האט זיך שוין געצויגן איבער א יאר. מ׳האט שוין דעם חתן „געפריוווט״, די כלה „באשויען״, אבער די מאמע האט אלץ געטענהט:

— ווער איז זי, די דאבעלע די שוחטקע, דעם בענדינער לעכט־ציערס טאכטער?

אבער דא אויף דער חתונה האבן אלע „מחותנתטעס״ צוגעשאקלט מיט די באמבלדיקע אויערריגלעך, און די מאמע האט געמוזט מודה זיין, אז די שענסטע פון אלע מיידלעך, די באחנטסטע, איז דווקא די ברונעטקע מיט די רויטע „קיין עין־הרע־בענדלעך״ אין די לאנגע צעפ; און איר אידל באנעמען איז אויך גאנץ אנדערש, גרויס־שטאטיש.

מיין ברודער, וואס איז געקומען עקסטרע אויף דער חתונה פון קליביצק, וואו ער האט געלערנט דארטן ביים רב, ביים יינגן למדן און חריף, דעם רבינס ברודער, איז געזעסן צווישן די בחורים ביים חתן, — אחוץ וואס א שני בשלשי איז ער לייב־הערשנס נאנטסטער חבר — און אויפגעכאפט די שארפע פלפולים מיט בליציקע אויגן, האט גארנישט געוואוסט, נישט געחלומט דערפון, אז איצט, אין דעם מאמענט, ווערט באשלאסן זיין לעבנס־גורל.

דאבעלע מיט אירע גלאנציק־לאכעדיקע גוידערלעך, וואס האבן קלוג ארויסגעלויכטן פון אירע גאלדענע קייטעלעך און בראשקעלעך, זיך שמעלצנדיק פאר נחת, איז געזעסן צווישן דער מומע טייבעלע דער מחותנתטע און מיין מאמען, און איר טאכטער איז געזעסן צווישן די מיידלעך ביי דער כלה. איך, וואס איך בין שוין געווען א חומש־יינגל, בין ליבער געשטאנען ביי דער מאמען; דער ליקער אין די קעלישקעס מיטן איינגעטונקטן לעקעך און זייערע זיסינקע שמועסלעך האבן מיר בעסער געשמעקט ווי דרינען ביי די בחורים דער שארפער בראנפן מיט די נאך שארפערע פלפולים.

די מאמע נעמט מיך „דעם גרויסן יינג״ אויף דער שויס, רופט צו דאס באחנטע, שלאנקע כלה־מיידל, שארט איר אוועק א לאק פונם שטערן, זי זאל דעם „קערן״ קענען בעסער קוקן אין די אויגן אריין, און מאכט צו מיר:

— ווי געפעלט דיר דאס שיינע כלה־מיידל?

איך, אין מיין הילוך, אין נייעם סאמעטענעם היטעלע און אטלעסענעם יוביצל, פאל אויף איר ארויף און הייב זי אן קושן — אזוי שיין איז זי געווען! פון מיין ארויפפאלן איז אראפגעפאלן דער מאמעס קעלעשקעלע מיט א קלאנג

און זיך צעבראכן:

— מזל־טוב, מזל־טוב! — איז געווארן א געשריי צווישן, די מחותנתטעס. דאס איז געווען „דאסווארט“.

די באבע חיה־רבקה, וואס האט נישט געקענט איינרוען, גייענדיק מיט פרעפלדיקע ליפן פון טיש צו טיש, א בליק כאפנדיק איבער אלץ, איז צוגעקומען צום געטומל:

— איז דאס די באשערטע, וואס מ׳רעדט שלמהן? א יינגאטש שעמט זיך נישט פאר אלעמען אין די אויגן?... — האט אראפגעכאפט א שנירל רויטע קרעלן פון זיך און אנגעטון דעם שווארץ־חנעוודיקן מיידל, אז ס׳זאל איר קיין עין־הרע חלילה נישט שאדטן. דאס איז געווען די ערשטע כלה־מתנה. און אויף די לעצטע „שבע ברכות“ פון לייב־הערשט חתונה האט מען געשריבן תנאים און געבראכן טעלער.

מיט מיין ברודער, וואס איז געווען אן עילוי׳ש יינגל, — מיט זיבן איז ער שוין קלאר אין תנ״ך, מיט עלף יאר דאס בעסטע בחורלביים אמסטעווער רב, — האט זיך ווידער געזאלט אנהייבן די קייט פון רבנות אין מיין טאטנס הויז. דורך דער צוואה פון בענדינער עלטער־זיידן, אז אויף זיין שטול זאלן זיינע קינדער און אייניקלעך נישט זיצן, האט דער טאטע אפילו מחמיר געווען אויף זיך און נישט געזעצט זיך אויפן טשענסטאכאווער כסא־הרבנות, וואס האט אים געהערט בירושה פון זיין פאטער.

מיין ברודער געדענק איך קוים פאר זיין חתונה. פון זיינע ווילדע שטיק, פון זיינע אויפטועונישן אין לערנען האט מען זיך אין שטיבל און אין שטוב אנדערציילט וואונדערלעכע מעשיות. די מאמע פלעגט תמיד טרויעריק ווערן ווען מ׳האט גערעדט פון אים: פון זיינע עלף יאר אן איז ער נאר אהיימגעקומען אויף יום־טובים. נאך אמסטעוו איז ער געווארן א תלמיד מובהק ביים קליביצקער רב, און דאס לעצטע יאר פאר דער חתונה אין סאכאטשעוו. דאס איז געווען א תנאי אין די תנאים! זיין שווער, ר׳מאטל שוחט, ראש־השוחטים אין סאסנאווצע, איז געווען א סאכאטשעווער חסיד.

דער בלוילעכער שיין אין דער מאמעס אויגן האט גענומען גרינלעך גליען, אז מ׳האט אנגעהויבן צו ריידן פון שלמהן; איר בלאנדזשענדיקער, פארלוירענער בליק האט מיך געצויגן צו איר און ווען דער טאטע איז ארויפגעגאנגען אין שטיבל צו מנחה, האב איך מיך אין דער טונקעלניש צוגעשארט צו איר. דער ברענענדיקער בליק איבער מיר, די ווארעם־טוליענדיקע שויס, איר גאנצע פארטייעטע ליבשאפט האט זי געוואלט איינוויגן אין מיר:

— ... וואס מ׳גיט אים מיט, וואס מ׳שיקט אים, זיי נעמען׳ס אים צו. ער גיט זיי אוועק... אן א קנעפל אין די הויזן, אן דעכל אין היטל איז ער אהיימ־געקומען דעם לעצטן זמן... די קליביצער רביצין שטאמט פון א נגידיש הויז, אויף איר האט מען זיך געקענט פארלאזן... נעמט מען א קינד און מ׳שיקט עס ערגעץ הינטער הרי־חושך... איך וועל עס נישט אויסהאלטן! א לאנגער, א דארער, מיט ברענענדיקע אויגן... כ׳האב איס קוים דערקענט! — בלייבט זי



זיצן שטיל, קוקנדיק פינסטער אין א גרויליקער ליידיקייט.

א לאנגער, א דארער, מיט ברענענדיקע אויגן, אזוי געדענק איך אים. אין טאג פון חמץ־בטלן איז עס געווען... מיר קינדער האבן אריינגעטראגן די ספרים פון הויף נאכן אויסלופטערן. די שוועסטערן האבן געטראגן די גרויסע ספרים צו דער שווארצער, גרויסער שאנק און איך — די קליינע ספרימלעך צום שייבן־שענקל. די גרויסע ספרים האבן געהאט איין פנים, גאנצע פאכן, לעדער־געבונדענע. מ׳האט זיי אריינגעשטעלט, זיינען זיי געשטאנען! די קליינע ספרימלעך אין שייבן־שענקל האט דער טאטע סארטירט, אריינגעקוקט, ארויסגענומען און ווידער אריינגעשטעלט. די קומען אויבן, די — גאנץ אונטן און די — אין פראנט, אין מיטן. און יעדעס איז אנדערש געבונדן. שעהן דויערט ביז דאס שייבן־שענקל ווערט פערטיק. דער טאטע האט צייט, האב איך אויך צייט! אזעלכע מאדנע מענטשעלעך איז אויף זייערע בלעטלעך אויסגעמאלט און רעדעלעך אין רעדעלעך... גאנצע שטויסן האב איך שוין אנגעטראגן. די שער־בלעטלעך קאן איך לייענען און מאנכע קען איך ביים נאמען: „שפע טל“, „רזיאל המלאך“.

דאס וואונדערלעכסטע איז געווען דעם ארי׳ס סידור, געבונדן אין פארמעט, און די בלעטער אזעלכע געל־קנאקעדיקע, ווערעמדיקע, פול מיט לעכעלעך. איך דערקען מאנכע ווערטער, באקאנטע, פון דאווענען... אבער פלוצלינג ציען זיך שורות מיט אותיות, און מאנכע אזעלכע גרויסע ווילדע... זיי זעען אויס ווי פייגל ... ווי טויבן... ווי באטשאנעס... זעסט זיי זינגען...

— שלמה איז געקומען! שלמה איז געקומען! — שרייען די שוועסטערן אין הויף און שוין זיינען זיי אין שטוב מיט פעק ספרים אין די הענט, און שלמה הינטער זיי, „א לאנגער, א דארער, מיט ברענענדיקע אויגן“ און מיט נאך א גרעסערן פאק. —

די שווארצע, גרויסע שאנק, איבער דער גאנצער ברייטער וואנט, איז שוין פול. גאנץ אויבן דער שווערער, זשיטאמירער ש״ס אין ברוינעם לעדער געבונדן, מיט גאלד־געלײשטע רוקנס. אויף דער צווייטער פאליצע — די מפרשים, פון די ראשונים, רשב״א און ריטב״א ביז די פני־יהושע׳ס, מקנא און צל״ח, ביזן לעצטן פון די אחרונים. אין די אנדערע צוויי פאבן: ארבעה שולחן ערוך, טורים, רמב״ם מיט אלע נושא כלים, תשובות און פוסקים — איין כהרף עין און אן איבערבליק איבער דער גאנצער שאנק!

א ניי ספר, אז ס׳איז צוגעקומען, האט עס שלמה שוין באמערקט און מיט איין פוס אויף א בענקל, דאס ספר אויף דער קני, און אויב א וויכטיקס, איז עס איז איניקע שעה אדורכגעבלעטערט.

דאס שייבן־שענקל איז שוין קאמפליצירטער! יעדע פאליצע האט אירע ספרימלעך, און יעדעס ספר האט זיין פלאץ: „איזהו חכם המכיר את מקומו“! און לויטן איינבונד דערקענט מען דאס חשיבות! און אט אזעלכע קליינינקע ספרימלעך מיט אויפגעקלעפטע הערצעלעך — נאר א קוש צו געבן!

עפעס האב איך אויך שוין געוואוסט: די מיטלסטע פאך, וואו דער טאטע

האט שטיין זיין טלית און תפילין און דאס פלעשעלע בראנפן, דאס הארץ „איבערצוכאפן" ווען ער קומט פון דאַווענען, שטייען די חסידישע ספרים, אביסל העכער — „די קבלה", גרויסע ווי גמרות און קליינע, און אלע אין לעדער געבונדן און גאלד־געליישט. גאנץ אויבן — די גאנץ קליינע ספרימלעך שווארץ־איינגעבונדן און מיט הערצעלעך — איבער זיי בלייבט דער טאטע שטיין „גאנצע שעהן" אין דער אפענער שייבן־שאנק אזוי ערנסט און אזוי טרויעריק, טיילמאָל גיסן זיך אים טרערן פון די אויגן.

צו די צוויי פאכן אונטן האט שלמה אפילו מורא צוצוגיין. כאפט אים דער טאטע דערביי, שארט ער זיך שנעל אוועק און ער לאכט פארלעגן. דער טאטע גראזשעט אים מיט א פינגער.

פלוצלינג ווערט א גערודער, די מאמע וויל אויפהענגען פאר חמץ־בטלן די נייע פארהענגלעך אויפן שייבן־שענקל און דער פלאץ צווישן זוהר און של"ה הקדוש איז ליידיק — עס פעלט דער אר"י־סידור! אחוץ וואס ער איז אן אלטער אנטיק, איז ער איינע פון די צוויי ירושה־זאכן פונם אלטן ראדאשיצער: די מאמע, צווישן איר צירונג, האלט די זילבערנע שנאלן פון זיין שלאף־ראק און אין טאטנס ספרים־שענקל — איז עס דער סידור.

שלמה האט מיך געפונען אין דער באבעס שטוב בלעטערן די מענטשעלעך און שליאבעזירן די לאנג־צעצויגענע שם־הויה שורות. ער האט געמאכט א געוואלד ווי א גרויס אומגליק וואלט געשען: יא, די גאנצע וועלט קאן נאך אונטערגיין! איך קען נאך מצרף זיין אזא שם און די גאנצע וועלט, חלילה, גייט צוריק צו תוהו־ובוהו... ער האט מיר א ריס ארויס געגעבן דעם סידור, און איך בין געבליבן זיצן אין א גרויס געוויין.

עס האט נישט לאנג גענומען און דער טאטע איז אריינגעקומען מיט זיין גוטן שמייכל אין דער בארד:

— נאר, וואס וויינסטו? דא האסטו צוויי ספרים מיט מענטשעלעך, — און פאר מיר אנידערגעלייגט דעם אויפגעמישטן „מעשה טוביה", אויף איין זייט אויסגעמאלט א מענטש מיט אלע זיינע געדערעם פון דרויסן, און פון דער אנדערער זייט — א הויז מיט שפיציקע דעכעלעך און מיט צוויי פענסטערלעך, וואס זעען אויס ווי צוויי אויגן. און די גרויסע, — ווי א זשיטאמירער ש"ס־גמרא! — די אלטע אפנבאך־הגדה, אויפגעמישט מיט די בילדער פון די „ארבעה בנים".

— איך וויל נישט דעם „קאק אויפן בויך"! — האב איך מיך צעשריגן. אזוי האט מיר געמוזט שלמה אמאל פארלייענען דעם „נדפס בק"ק אפנבאך", — אלע האבן זיך צעלאכט! שלמה, דער חתן־בחור צוויי חדשים פאר זיין חתונה, א פארשעמטער איז אנטלאפן. ער האט זיך געשעמט פאר זיינע אמאליקע ווילדע שטיק. מיר ווייזנדיק די בילדער פון דער אלטער יידיש־טייטשער הגדה, מיר פארלייענענדיק די מאדנע, ווילד־פרעמדע ווערטער, האט עס זיך אים, מסתם, ארויסגעכאפט! ווען ער איז אריינגעקומען דעמאלט אין האזארד האט ער מיר אויך געוויזן די בילדער פון „רזיאל המלאך"... און דעמאלט האבן שוין



שדים און טייוולאנים גענומען טאנצן אין שטוב, און די „קאזעס" אויף דער וואנט האבן שאטנדיק מיטגעטאנצט.

און דאס איז אלץ, וואס איך געדענק פון זיין חתונה: איך זיץ מיטן חתן אויף דער קאטש, דעם חתנס ברודערל. פון „אלט־סאסנאווצע" ארויס אינם שיטערן, אויסגעקראכענעם וועלדל אריין פארן אן קאטשן מיט געקנאל און געזאנג; די סאסנאווצער בית־המדרש בחורים פארן דעם חתן אקייגן. די מחותנתטעס פון חתנס צד פאקן די פארבייסעכטסער אויס, די מאנדל־ברייטלעך, די אייער־קיכלעך, דעם געל־גאלדענעם לעקעך און א „רבקה־חוה גליק־קיכל" ווערט נאכגעטראגן נאך יעדן „לחיים".

אינם גרויסן מאטל שוחט־הויף, וואו די קאטשן פארן אריין — א פולער מיט מיידלעך, אויסגעסטראיעט צום טאנץ, אנגעלאפן דעם חתן צו זעען, אנצוזאגן דער כלה די בשורה ווי דער חתן זעט אויס, — זיינען צוויי קאפעליעס מקבל פנים דעם חתן מיטן „דאברי דזשיען" און דער מארשעליק אויף א בענקל רייסט זיך דעם גארגל. חזנים פון גאנץ זאגלעמביע ארום דרייען זיך צווישן די מחותנים און מאכן „מי שברך'ס" — דער גאנצער הויף איז איין צעקלינגטער „מזל טוב" און „ונאמר אמן".

אין מיטן הויף שטייען שוין ווארטנדיק די שמשים מיט די חופה־שטאנגען, און ארום ביי די ווענט, ביי געדעקטע טישן ווערט געפראוועט די „ארעמע חתונה", די „זשימנע דופע" איז דא און סתם זעקל־יידן פון „מלך אביונס גיטער". די סארווערס גייען ארום מיט פארנדיקע קעסלען, און ברייטע, גרויסע מהותנתטעס פון כלהס צד, מיט דער קליינער, קיילעכדיקער דאבעלע, די שוחטקע, בראש טיילן לעקעך־פעקלעך מיטאהיימצונעמען און גארשטן מטבעות. א געוואונטש, א געשריי, א לאכנדיק־וויינענדיקער געטומל.

די כלה זיצט שוין אין דער סאליע אויף דער אויסגעבעטער שטול אין כלה־שלייער, און די מיידלעך, אין עסיק און אין האניק און מיט פעכערס אין די הענט, טאנצן וואלצערס און קאדרילן; און עפעס א וייטער מחותן, מיט די פאלעס אין גארטל, טאנצט אריין א קראקאוויאק אין מיטן. און אין צווייטן הויז, וואס גייט אריין אין זעלבן הויף, נאר מיט א „פייער־מויער" אפגעטיילט, ביי ר' אלטער שוחט אין דער סאליע זיצן די בחורים ארום חתן. עס איז שוין נאכן גרויסן „על־חטא" זאגן און נאכן זאגן דאס „פשטל". דער חתן טיילט שוין פאפיעראסן און איז זיך מפלפל מיט יעדן עקסטרע; אט ווענדט ער אפ און אט פאלט אים ווידער איין אן „אויפטו" — ער שטראלט פון די נייע אטלעסענע מלבושים ארויס, ער בליצט מיט די אויגן פון אונטערן הויכן שטראמל אַפויער, ער איז פול מיט תורה, מיט שמחה, מיט יום־טוב.

אט זיצט הינטן א בחורל, קוים מען זעט א פנימל פונם סאמעטענעם היטל ארויס און רייכערט זיך פראנק און פריי א ציגארעטל און מיר, א ברודער, דעם חתנס ברודערל — און צוגעזאגט האט ער מיר אויך! — וויל ער קיין ציגארעטל נישט געבן.

איך בעט אים מיט גוטן, איך דערמאן אים זיין צוזאג, איך קנייפ אים,

כ׳טרעט אים אויף די נייע, געפוצטע שטיוועלעך און ער זאגט און זאגט, טיילט אי׳ן טיילט, און מיך קוקט ער אפילו נישט אן, ווארפט מיר קיין בליק נישט צו.

עס גייט מיר שוין איבערן לב! איך וויל מיך צעוויינען, און אט צעוויינט זיך א פידעלע, ווי פון מיר ארויס ס׳וואלט געוויינט, אזוי זיס, אז עס צעגייט זיך אין אלע אברים און מיין מאמע גאר שטייט איבערן חתן און וויינט, קושט אים, וויינט און קושט אים.

— צום באדעקנס! צום באדעקנס!... דער בדחן זאגט שוין איבער דער כלה... מען טיילט שוין ליכטלעך די קינדער!

אין דעם פריילעכן טומל און געשריי ווער איך ערגעץ אוועקגעטראגן, ערגעץ פארשלעפט, אנגעשטאפט מיט זיסיקייטן. אזויפיל פעטע מחו׳תנתטעס קושן מיך... איך הער נאך אלץ דאס וויינענדיקע פידעלע... עס ווערט איבער־געריסן און עס קומט ווידער...

אין דער פרי איז געווען דאס אמתע געוויין! מען האט אונז קינדער אהיים־געשיקט „מיט דער מויד״. איך האב אפנים אזוי „אנגעגעבן״, אז מ׳האט מיך איבערגעלאזט אין מילעוויץ.

מקיים צו זיין כבוד־אב איז שלמה אהיימגעקומען פונם קעסט־עסן אויף א שבת. איז לייב־הערש, וואס האט געגעסן קעסט אין מילעוויץ, אויך אהיים־געקומען אויף דעם שבת.

עס איז שוין נאך דער שבתדיקער „סעודת שלמה בשעתו״, וואס איז געראטן נאך די געסט נאך. די פריינט, די משפחה, וואס זיינען אריינגעקומען לכבוד די געסט, שוין צעגאנגען, די ליכט אויך שוין אויסגעגאנגען. דער לאמפ אויפן טיש פארשפרייט א שטח ליכט אויף א באשטימטן קרייז נאך. הינטן ביים גוט־איינגעהייצטן קאכל־אויוון שטייט פון איין זייט דער, און פון דער אנדערער זייט — דער, און מ׳רעדט אריבער איינער צום צווייטן אין לערנען ביז איינער, אמאל דער און אמאל דער, שפרינגט ארויס פון דער טונקלקייט און בלייבט אינם ליכט־קרייז מיט צעשפרייטע הענט און מאכט א ליארעם, ווארפט זיך מיט כל־הכחות דעם צווייטן איבערצוצייגן. דער טאטע, זיצנדיק ביים „אור־החיים״, ביים „מאור ושמש״, זיך צוהערנדיק מיט איין אויער צו זייער געשפאר, ווארפט אויך צו אן הנאהדיקן בליק מיט איין אויג צו דעם, אויף וועלכנס צד ער איז.

איבערגעריסן אין מיטן שלאף פון זייער געשפאר, געררייצט ווי א שמעטער־לינג פון דער שפארע ליכטיקייט, פלאטער איך א בארפיסער פון שלאף־שטוב ארויס, כאפ מיך אויף א בענקל ארויף, ווי א פויגל אויף א צווייג און געניס די איינגעקורטשעטע ווארעמקייט, איינגענעסטערט אין לאנגן העמד, איבער די׳ פיס אריבערגעווארפן.

מיין קליינע שוועסטער, צימעלע, כאפט זיך אויך אויף, קומט שנעל ארייג־געפלאטערט און בלייבט אויך אזוי זיצן אין איין העמד און שניידט המוציאס חלה און שמירט מיט שמאלץ.

כ׳ווייס נישט צי כ׳עס ווי כ׳ווייס נישט וועגן וואס זיי ריידן, אבער כ׳זע



דעם „אויפטו״, כ׳פיל דעם „כאפ״ — כ׳שפיר דעם געשמאקן טעם! כ׳זע דעם „לפי זה״, ער ליגט בפירוש אויף דער האנט, ווי די המוציא מיט שמאלץ.

אין מיטן דעם געאמפער ווען איך, א קייענדיקער, פארקוק מיך אויף דער וואנט ווי זייערע שאטנס צעטאנצן זיך, קומט לייב־הערש אונטער און גיט מיר א קניפ אין באק אריין און גארנישט אויף קיין קאטאוועס.

— המוציא־פרעסער, ווייסטו כאטש וועלכע סדרה ס׳גייט?

און איך ווייס טאקע נישט, אבער איך וויק מיך אין זייערע שמועסן, ווי דער לעקעך אין בראנפן, וואס שטייט פאר זיי אויפן טיש צום פארבייסן.

צוויי מאל געדאנק איך ווי שלמה איז געווען אין טשעלאדזש אליין, אן לייב־הערשן. איין מאל שבת, ער איז אנגעקומען אומגעריכט, שפעט שוין פארן ליכט־בענטשן, און אויסגעזעען זער פארזארגט. און איין מאל אין א מיטן וואך איז פארפארן א דראזשקע און פון איר שטייגן ארויס, ווי צוויי פרעמדע, שלמה מיט זיין שווער מאטל שוחט.

מיין ברודער, וואס איז נאך דער חתונה געווארן זער פרום, מסתם זיין ווילדקייט צו צוימען און, בכלל, זיך צו קענען האלטן אין די הענט, האט באשלאסן זיך אנצושליסן אין נייעם תפילה־בזמנה דרך פון גער. איז ער גע־קומען זאגן דעם טאטן, נעמען פון אים רשות צו פארן קיין גער.

עס איז געווען א שווערער פרייטאג־צו־נאכטס! פארן טאטן איז עס געווען ממש א פיזישער קלאפ. אין דער טונקלקייט פון קאכל־אויוון זיינען זיי ביידע געשטאנען, איינער פון דער זייט, איינער פון דער זייט. פון מינוט צו מינוט א ווארט זיך צוגעווארפן, מורא געהאט זיך א ריר צו טון, נישט אריינצוטרעטן אין דעם ליכט־שטח, פשוט נישט געקענט קוקן זיך אין די אויגן אריין — פארן טאטן איז עס געווען א לעבנס זאך, א משפחה־ריס, אן ארויסטריט פון דער „קאסטע״; א מרה־שחורה האט ארומגענומען די שטוב.

פלוצלינג איז דער טאטע צו געקומען ווי צו מיר און געזאגט עס צו מיר, מיט דער פלייצע אויסגעדרייט צו מיין ברודער:

— איך בין בכלל נישט גורס דיין פרומקייט. פרומקייט קאן פארפירן אין שאול־תחתיה... וועסט עס שפעטער געוואויער ווערן... אבער יעצט לאמיר אויפהערן — ס׳איז שבת!.... — ער האט מיך גענומען אויף דער האנט און אריינגעטראגן אין בעט אריין. די שוועסטער אין איין העמד איז נאכגעלאפן.

ער איז אוועקגעפארן באלד נאך שלוש־סעודות שבת־צו־נאכטס. די מאמע האט דערפילט דעם טאטנס שטימונג און באלד ווי ס׳איז געווארן אויס שבת — געדונגען א פור. ווער מיר זיינען אראפגעקומען פון שטיבל און דער טאטע האט געזעען די פור פאר דער טיר האט ער צוגעווארפן דער מאמען א הלצה־בליקל:

— דאס הייסט תפילה־בזמנה, כ׳מיין א בעל־עגלה בזמנו. ער וואלט דאך מיך געלאזן דא מיט מיין פיש־שווענצל און געלאפן כאפן א קאפ־הערינג אין גערער שטיבל אריין צו יצחק בריל.

די מאמע האט א הנאה געהאט וואס דער טאטע האט זיך ארויסגעדרייט

מיט א גלייכווערטל, און געשאקלט מיטן קאפ איבער זיי ווי איבער צחויי קינדער... נאך הבדלה איז שלמה אוועקגעפארן א פארזארגטער, אזוי, ווי ר׳איז געקומען. דער טאטע האט אים נאכגעשריגן:

— פאר געזונטערהייט!

און געהייסן האט עס, אז אויב ער מוז טאקע פארן קיין גער, זאל ער, חלילה, נישט עובר זיין אויף כבוד־אב.

דאס צווייטע מאל איז ער אנגעפארן מיטן שווער, און ביידע זיינען אריינגעפאלן אין שטוב אנגעדראלענע. ר׳מאטל שוחט, א שטילער בטבע, א געמיטלעכער, קיין הויך ווארט קומט נישט פון זיין מויל, איז גלייך נאך „שלום־עליכם" ארויס מיט א טענה, ממש מיט א כעס:

— געהערט א ווילדע מעשה, ער וויל דאך ווערן א שוסטער! ער האט נאך א יאר קעסט, וויל ער גיין אויף דער לער צו א שוסטער; א „נהנה מיגיע כפו" וויל ער זיין... געהערט אן איינפאל?... עס טוט זיך אין דער היים חושך! מיין דאבעלען גייט עס אין לעבן: צו האבן א שוסטער פאר אן איידעם האבן מיר נישט געמוזט געבן פינף יאר קעסט און צוויי טויזנט רובל נדן! — און ר׳ מאטל שוחט, וואס קיין פליג אויף דער וואנט וועט ער נישט ווי טון, ווערט נאך אויפגערעגטער: — מיט איר, מיט זיין נאריש ווייבל, איז ער שוין פערטיק. אויף אלע זיינע שטותים גייט זי איין.

איך קוק אויפן טאטן און זע ער האט פון דער גאנצער מעשה גרויס הנאה. זיין הלצה־שמייכעלע טאנצט אים אין דער בארד, עס שפרינגט אים פון די אויגן ארויס, קוים עס צוריקצוהאלטן. ער נעמט זיך אן ביי דער בארד ווי זיך איבערצוצייגן, אז ער מוז זיין סטאלע, קוקט ער מיט א געמאכטן ערנסט אויף די צוויי, וואס פון איינעם שרייט ארויס זיין ערלעכע קריוודע און דער צווייטער, דער פאטער פון די דריי קינדער, שטייט ווי אן אפגעשמיסן יינגל:

— כ׳האב דיר געזאגט, אז פרומקייט איז איין זייט פון דער מטבע... פאר חסידות עקזיסטירט בכלל נישט קיין צורת־המטבע... איי, שלמה, שלמה, כ׳בין נישט גורס אינגאנצן דיין גאנג.

שלמה האט אויפגעהויבן די אויגן צום טאטן, האט געוואלט עפעס זאגן, נאר ער האט בעסער פארביסן די ליפן. דער עקשן קוקט אים ארויס פון די אויגן, ווי דעמאלט מיט דעם פאפיעראס... כאטש קנייפ פון אים שטיקער פלייש, טרעט אים די פיס... האב איך געטראכט.

דער מחותן האט אפילו קיין גלעזל טיי נישט געוואלט טרינקען:

— איך וויל האבן א דין־תורה. מיר פארן קיין בענדין צום רב. דער מחותן וועט מיטפארן.

דער טאטע האט זיך גענומען דעם פאלטן, און אלע דריי זיינען ארויסגעגאנגען צו דער דראזשקע; און די מאמע מיט מיר האבן ארויסגעפלאצט אין א ווילד געלעכטער און אריינגעלאפן אין דער צווייטער שטוב אריין.

דער בענדינער רב, ר׳ ישכר־בעריש גראבארד, האט נאטירלעך געגעבן רעכט ר׳ מאטלען שוחט און מיין ברודער, וואס האט נאך געהאט א יאר קעסט,



האט זיך גענומען צו דער „הוראה".

מיר איז אבער די מעשה מיטן ווערן א שוסטער געקראכן אין קרעפל אריין: קודם ר׳ יוחנן הסנדלר, און דער עלטער־זיידע, ר׳ שלמה דיינס פאטער, איז אויך געווען א קירזשנער און דער באבעס זיידע, דאס „איינבינדערל"... מיין ברודער קאן טאקע נישט ווערן קיין שוסטער, דער בענדינער רב האט אזוי געפסקנט; ער טאקע נישט... אבער פאר וועם האב איך מורא? איך האב נישט קיין שווער מאטל שוחט... יא, מיין ברודער פארשטייט, א שניידער טויג נישט, א גאנצן טאג מיט א פיטשעדיק נעדעלע אין דער האנט... עס נעמט די אויגן ארויס... דער שניידער אין באטשעס הויז א גאנצן טאג הוסט און הוסט. און די געלאמעוועטע אויגן טריפן אים און טריפן... און נחום קראפ וואס זיין ווייב טראגט געקאכטע ארבעס אין די הייזער, איז שוין אין גאנצן בלינד... ביי א שוסטער איז לעבעדיק, ער קלאפט מיט א העמערל, עס שמעקט מיט לעדער, מיט סמאלע... און וואס קאן מען נישט אלץ אויסקלעבן פון סמאלע; א קאפ פון א הונט, פון א קאץ... און ווי ער קיזשלט דאס אין די פיאטעס ווען ער נעמט די מאס מיט זיין פאפירל... אלץ אזוי מיט א וויצל און מיט שכל. דא א קנייטשעלע אין דער זייט, דא איינגעבויגן אין מיטן. און ווען ער ברענגט אפאר שטיוועלעך, טאנצן זיי! ווען ער גייט איבערן מארק, ווען ער טראגט אפּ א שטיקל ארבעט איינגעבונדן אין א רויטער פאטשיילע, ווי קוממיות ער גייט דאס מיט דער פאטשיילע אונטערן ארעם, ווי א זינגענדיקער סאלדאט אין דער שורה מארשירנדיק אין באד אריין.

איך האב מיך אנגעהויבן דרייען פארן נייעם שוסטערס אפענער טיר, אים אונטערקוקן. ניין, נישט ביי אברהם־יידעלע שוסטער, ער איז צו פרום... דער טאטע איז גערעכט! דער וואלבראמער רבי, מיט זיין שוסטער־טישל! ר׳ אלטער וועט קומען, וועל איך מוזן גיין צום טיש... און ווי אברהם־יידעלע זיצט אויפן שוסטער־בענקעלע ווי ער וואלט זיך געשאקלט ביים דאווענען... דאווענען איז דאווענען, לערנען איז לערנען, און א שוסטער איז א שוסטער.

גוט, קודם מוז איך האבן א שוסטער־שירץ! און אין איין טאג גאנץ אין דער פרי קום איך אריין צום נייעם שוסטער מיט א שירץ אונטערן ארעם; ריכטיקער אונטער דער פאכווע, ווי ער דער שוסטער ווען ער טראגט אפּ א שטיקל ארבעט איינגעבונדן אין דער רויטער פאטשיילע.

אן א ווארט צו זאגן, אין מיין גאנצער קינדישער ערנסטקייט, טו איך מיר אן די שירץ און זעץ מיך אנידער. אלץ איז אזוי ווי צוגעפאסט. א בענקעלע גראד פאר מיר און א נידריק טישעלע...

דער שוסטער האלט זיך קוים איין. ער קוקט אריבער צו דער שוסטערקע, וואס פארעט זיך ביים אויוון און איידער זיי האבן נאך צייט א שמייכל צו טון, צו פרעגן, קום איך ארויס מיט דער גאנצער דרשה פון ר׳ יוחנן הסנדלר און פון נהנה זיין מיגיע כפי... די שוסטערקע ווינקט אים זי וועט אריבערלויפן צו אונז און זאגן דער מאמען, ס׳זאל נישט ארויסקומען שפעטער קיין טענות... ער גיט א מאך מיט דער האנט:

— ס׳וועט שוין גוט זיין! — ער צעקלאפּט זיך נאך פריילעכער מיטן האמער און זי האלט אים צו ביים פריפּעטשיק.

איך מייסטרעווע מיטן צווענגל, כ׳שמיר מיך איין מיט סאזשע און כ׳קען שוין די מלאכה ווי א וואסער. כ׳וויל אויך אננעמען א מויל מיט שטיפטן ווי ער, נאר דא צעהיס איך מיך.

— דו זעסט, — שרייט ער אריבער זיין קלאפּן, מיטן ניגון פונם לידל וואָס ער זינגט גראָד: „די תורה איז טיף, אבער אַ שטיפטל גייט נאך טיפער"... דאס שפּיל גייט אן אויסגעצייכנט ביז מיטאג. איך האב מורא אהיימצוגיין. די שוסטערקע האט מיר אויפגעגעבן א „מיכע" באבעלעך מיט קליסקעלעך — ס׳איז געווען א מאכן מלכים! אין דער היים האט מען מיך ארומגעזוכט וואו נאר א פלאץ.

מיין שוועסטער האט מיך געזוכט שוין ביי מאנעלע אין דער זודע־וואסער פאבריק, וואו כ׳פלעג העלפן דעם פערדל דרייען זיך אין א ראד אויפן הויף, אז די מאשינען דרינען זאלן זיך דרייען, און אהיימקומען א דערשוויצטער.

פארנאכט האט דער שוסטער איינגעבונדן אפּאר שיך אין דער רויטער פאטשיילע, אנגעטון דעם סורדוט. האב איך אויסגעטון די שירץ און אים געזאגט, ער זאל מיר געבן צו טראגן. איך בין דאך זיין לערן־ייִנגל. אזוי ווייט האט ער שוין מורא געהאט אנצוגיין מיטן שפּאס. אבער איך מיט מיין קינדישן ערנסט און נאטירלעכקייט האב אים גובר געווען. און גייענדיק איבערן מארק מעשה־מייסטער און איך הינטער אים, נאכטראגנדיק די פריש־געמאכטע פּאר שיך, האט עס טאקע אויסגעזען, אז ער איז מיין בעל־בית און איך — זיין לערן־ייִנגל. איז ער דען עלטער געווען פון מיר דעמאלט ווען ער האט נאכגעטראגן די ערשטע פּאר שיך זיין בעל־בית און געהאפט צו קריגן דעם ערשטן טרינק־געלט? ווער איז גלייך געווען צו אים דעמאלט?

ער דרייט זיך אויס צו מיר און זעענדיק מיך אין מיין הילוך, אין כאלאטל מיט די דרייטע פּיאות, צעלאכט ער זיך:

— זע נאר דעם יאלד, טראג דאך ווי א מענטש! זעסט דאך אויס ווי דו וואלסט געטראגן אן אתרוג אין שול אריין... — וואס פאר א וואוילער ייִנג ער איז נישט געווען און דער גאנצער עסק האט אים פארשאפט הנאה, האט ער דאך מורא געהאט: — גיי, האב צו טון מיט די נגידים, מיט די טערקן... — און שטייענדיק פאר לייביש גוטמאנס געוועלב, אריינצוגיין דארט מיט דער פּאר שיך, האט ער זיי מיר א שלעפּ ארויס געגעבן פון אונטער דער פּאכווע:

— ווער א האז, אנישט, רייס איך דיר א פּוס אויס פונם אחור!

דאס באפרייען מיין ברודער פון די סאלדאטן איז נישט נאר געווען מיט גאלע נסים און מיט מאכערס ביי די דאקטוירים און ביים בענדינער וואויעני נאטשאלניק, נאר ממש אן אויסגעפירטער פּלפּול, פול מיט המצאות און חידושים — נישט מיין ברודער האט זיך געמוסטערט, נאר איך.

אין די ווינטער־חדשים, ארום דער פּריסוסטווע, איז מיין ברודערס ווייב שוין, מיט מזל, געגאנגען צום פירטן קינד און דאס האט געמיינט צו האבן



„א צווייטע לעגאטע". אבער ווער ווייסט צי ער וועט „ציען" א הויכן נומער און, בכלל, צי וועט א צווייטע לעגאטע גילטן האיאר. מוז מען זעען צו מאכן אן ערשטע לעגאטע און דאס — תיכף, איידער מען מוז זיך נאך „שטעלן".

אמת, דער טאטע איז שוין אריבער די פופציק, אבער איך, דער צווייטער זון, בין שוין אלט צען יאר און צו די אלע צרות נאך הויך געוואקסן און זע אויס ווי צוועלף און אויף שריט און טריט געלט־ציִערס און מוסרים.

דער טאג פון דער פּריסוסטווע. א שניי, א פראסט, דער גאנצער וועג פון טשעלאדזש ביז קיין בענדין — צעקלונגען מיט שליטנס, צעזונגען מיט רעקרוטן. אויף איינעם אזא שליטן פירט מיך דער טאטע אין שטאט אריין מיך שטעלן צום פּריזיוו: בשעת מען וועט אויפרופן „שלאמא שטענצעל" זאל איך אריינגיין א נאקעטער און דעם „בריוו", וואס איך האלט אין דער האנט, איבערגעבן דעם דאקטאר, וועלכער זיצט אויף דער לינקער זייט פון נאטשאלניק.

דאס שליטעלע איז געפלויגן ווי א פייל פון בויגן, און די דריי וויארסט האבן קיין דרייסיק מינוט נישט גענומען און די גאנצע צייט האט דער טאטע אין מיר אריינגערעדט:

— געדענק דעם, וואס זיצט ביי דער לינקער זייט.

די גלעק קלינגען, די רעקרוטן זינגען. איינגעבאבלט אין א וואלענעם שאל, אין א באשלאק, קאן איך קוים צושאקלען מיטן קאפּ:

— יא, דעם ביי דער לינקער זייט.

די מעשה דערפון איז אזוי: דער נאטשאלניק, דער ערשטער דאקטאר זיינען אפּגעהורשט פון א מאכער, נאר דער פון דער לינקער זייט איז נישט קיין „נעמער"; און א קאץ קאן אויך קאליע מאכן! — ליגט דא אין דעם קאנווערט א בריוו, וואס איז געשריבן פון אונזער שפּיטאל־דאקטאר אין טשעלאדזש, אז איך בין א שוואך, קרענקלעך קינד, קוים ניין יאר אלט און מיין הויכע וואוקס איז אויך נאר א סימן פון קרענקלעכקייט — אויפגעשאסן! דאס בריוול איז א כשר־ערלעך בריוול מיט א חתימה פון שפּיטאל־דאקטאר, און אויף דעם צוגעקלעפּטן קאנווערט איז אויך דער שטעמפּל פון שפּיטאל. און דער דאקטאר האט בסך־הכל פאר דעם גענומען א „דרייערל", ווי פאר א וויזיט. אבער אין דער זייט פון דעם בריוול ליגט צוגעלייגט א קנאקעדיקער הונדערטער...

איז וואס קאן איצט טון דער פון דער „לינקער זייט", דער הונדערט רובל שטיק און דערשטיקט ווערן! די אנדערע וועלן שוין אלץ מאכן.

דאס שטיקל ארבעט איז חריפיש, גוט אדורכגעטראכט — אלץ ליגט ווי אויף דער האנט: וועט ער צוריקווארפן דעם הונדערטער דעם קרענקלעכן קינד, וואס שטייט נאקעט דא און ציטערט? און אז די „יוכע" וועט זיך אין אים צעקאכן, וועט ער קאנען פּלאצן... דא אין פּנים פון דער גאנצער פּריסוסטווע וועט ער מאכן א סקאנדאל? דאס בריוועלע איז דאך א כשר בריוועלע פון א דאקטאר אין שפּיטאל, וואס ווייסט מסתם גאר פון די אלע זשידאָווסקי מאכערייקעס און זיי דא ארום, די „וואשע בלאגאראדיע", דעם צארס דינער, זיינען

אלע פארקויפטע הינט... דאס ערשטע כפרה־הינדל וועט דאך ער זיין... וועט ער טאקע נעמען דאס כשרע בריוועלע פונם דאקטאר, איבערגעבן צום וואויינאטשאלניק, דעם קאנווערט מיטן הונדערטער אריינלייגן אין בוזעם... און דאס איז דאך בסך־הכל אלץ, וואס מ׳וויל פון אים.

ביז אין קארידאר האט מיך דער מאכער אריינגעפירט, ווייטער האט ער נישט געטארט גיין. מיך נאקעט אויסגעטון, דעם בריוו מיר אריינגעלייגט אין דער האנט און מיך א שטופ אריין געגעבן אין דער פולער שטוב מיט נאקעטע רעקרוטן — איך האב מיך געפילט ווי ביי נחמיהן אין דער מקווה: איך האב נישט נאר געגנוי געוואוסט וואס איך האב צו טון און פארוואס איך האב דאס צו טון — אלע אין שטוב, אין שטיבל, גאנץ טשעלאדזש האט געציטערט, אז דער איידעלער יינגערמאן, דער ירא־שמים, דער תלמיד־חכם, דער טאַטע פון פיר קינדערלעך זאל מוזן גיין דינען צו פאניען. — נאר מיין קאפ האט מיטגעארבעט דעם גאנצן פלפול; איך בין געשטאנען א נאקעטער און האב געגליט: „ערשטע לעגאטע״... „צווייטע לעגאטע״... דער בריוו פון דאקטאר... דער הונדערטער: נישט נאר אונזער שלמה וועט זיין פריי, נאר ער וועט צומאל נישט ברויכן צו ווייזן פאר זייערע טריפהנע אויגן זיין הייליקן לייב, שטיין בגלוי־ראש...

ביי דער טיר קייגנאיבער שטייט א קאזאק און אלע ווײלע עפנט זי זיך אויף און ער רופט אויס א נאמען. איך בינדער איינציקער יידישער „רעקרוט״ אלץ שקצים, דארף־שקצים — היינט „מוסטערט״ מען טשעלאדזש און די דערפער ארום טשעלאדזש. זיי שטייען אלע דערשראָקענע, ווי די געשוירענע שאָף און קוקן אויף דעם קליינעם זשידאקל ווי אויף א פארבלאנדזשעט שעפעלע.

דער קאזאק גיט א געשריי:

— שלאמא בערקאוויטש שטענצעל!

איך כאפ מיך אויף ווי א גרויסער און מיט פולער אחריות פאר דער שליחות, וואס איך האב אויסצופירן. איך גיי פארביי דעם גרויסן קאזאק און זע אים אפילו נישט. איך גיי דירעקט צו מיט דעם בריוו „צו דעם אויף דער לינקער זייט״ — איך גיי נישט ווי איינער, וואס גייט זיך מוסטערן. איך גיי ווי א שליח, וואס האט אפצוגעבן פריוואט אין דער האנט אריין עמעצן א בריוו.

דער קאזאק וויל אויפשרייען, דער וואויעני־נאטשאלניק וויל אויפלאכן... דער „סטארשי וראטש״ נעמט ארויס דאס בריוועלע פון קאנווערט, דערזעט דעם הונדערטער און נאך איידער ער כמורעט זיך אן, לייגט ער שנעל דעם קאנווערט מיטן הונדערטער אריין אין בוזעם. אלץ גייט האר־געגנוי, ווי אויסגערעכנט און „לפי־זה״ ארבעט עס ביי מיר אין קעפל און נאך איידער איך „פיר אויס״, פירט מען מיך ארויס מיט א הילכיק געלעכטער פונם קאזאק אין דער טיר:

— גאדין!

דרויסן איז שוין געשטאנען דער טאטע און ר׳ מאטל שוחט. מ׳האט געש־



ריגן „מזל־טוב!״ „מזל־טוב!״, דער מאכער האט זיך ארומגעדרייט א פריילעכער, ווי א שדכן אויף א חתונה.

ס׳איז געווען א ווינטערדיקער, קורצער פרייטאג. דער מחותן איז שנעל געלאפן צו דער אלטער סטאציע נאך אהיימצוקומען פאר ליכט־בענטשן און אנזאגן די גוטע בשורה, און דער טאטע מיט מיר — צו דער טשעלאדזשער בריק, צו כאפן נאך א פור אהיימצוקומען.

אויף דער בריק האט מען „קיין הונט נישט געזעען״. דער פראסט האט געברענט.

— קום, — האט דער טאטע געזאגט, — לאמיר קודם אנהויבן צו גיין, א פור וועט אונז אניאגן, וועלן מיר זיך אויפזעצן.

ער האט דורכאויס געוואלט אהיימקומען מיט דער גוטער בשורה צו דער מאמען. עס האט אים געהויבן, און מיך האט עס געטראגן: איך בין דאך דער גאנצער „מאכער״!

מיר זיינען נאך דער „סובריע״, אויפן בארג, אבער קיין פורל זעט מען אלץ נישט און דער שניי ווערט שטארקער. עס ווערט א זאוויערוכע, א שטורעם, מיר האבן שוין נישט קיין ברירה; מיר מוזן גיין.

וואס הימל, וואס ערד, ווער מזרח, ווער מערב — דער וועג גליטשט זיך פון אונטער די פיס! א געשיט פון אלע זייטן און א געדריי פון שניי בערגעלעך. מיר פאלן אראפ, מיר שטייגן ארויף, מיר שווימען ווי אויף א שטורמיש־צעכוואליעטן ים! דער טאטע, אן איינגעטונקטער אינגאנצן אין שוים, פון קאפ ביז די פיס א ווייסער פונם שניי, האלט מיך פעסט ביי דער האנט. איך האב מורא אפילו צו וויינען.

עס ווערט פינסטער, מ׳טאר שוין אודאי נישט טראגן... און אפשר איז עס דער שטורעם, וואס ציט אן... דער טאטע דאוונט מנחה. ער זאגט די שמונה־עשרה גייענדיק. ער זאגט הויך און איך זאג אים נאך... איז עס דער צלם אדער א מענטש איז געפרוירן געווארן מיט צעשפרייטע הענט? איז עס דער דריטער צלם שוין? איך האלט אין מיטזאגן די שמונה־עשרה און טאר נישט מפסיק זיין צו זאגן דעם „פסוק״...

דער טאטע ענדיקט דאס דאווענען.

— טאטע, כ׳קען נישט מער, כ׳פאל!!

יעדער שריט איז זיך ארויסצוגראבלען פון א קופע שניי. מיר גייען מסתם אין א ריוו... אבער דאס נעמט דער טאטע טאקע אן פאר א נס: טרעטנדיק אזוי אינם ריוו וועלן מיר זיך נישט פארלירן און אנקומען ביז טשעלאדזש.

פון מאנעלעס פענסטער האט מען דערזעען די ערשטע דריי שבתדיק אנגעצונדענע ליכטלעך — ווען מ׳וואלט די ליכטלעך, נישט דערזעען, וואלט מען אפילו נישט געוואוסט צי מ׳איז שוין אנגעקומען; די גאנצע בענדינער גאס, מיט די צעווארפענע כאטקעס, איין גרויסע קופע שניי...

מ׳איז אריינגעפאלן, צוויי שניי־מענטשן, צו מאנעלען אין שטוב אריין. ס׳איז נאך געווען א פאר מינוט פארן זמן פון ליכט־צינדן:

— געלויבט דער אויבערשטער, מיר האבן נישט מחלל־שבת געווען!

איך בין געווען א שטיק געפרוירן אייז.

מאנעלע, דער גרויסער שטארקער מאנעלע פון דער זודע־וואסער פאבריק, האט מיך אנגעהויבן צו באארבעטן מיט קאלט וואסער, מיט שניי, מיט שטיקער אייז און מיך אריינגעפאקט אין בעט אריין. און דער טאטע איז שנעל אהיימגעלאפן מיט דער גוטער בשורה.

ביי דער גאנצער ארבעט און מי, וואו כחות און געלט האבן קיין ראלע נישט געשפילט; פון דער באבע חיה־רבקה מיט אירע רביס און סגולות און קמיעות ביז צו מיר, דעם אויספירער פונם גאנצן „לפי־זה“, אלע זיינען געווען אריינגעטון — דער גאנצער נדן איז געגאנגען „נא־פליעוואט“! אלע זיינען געווען אריינגעטון, נאר שלמה האט פון גארנישט געוואוסט. אין דער וואך פון זיין זיך מוסטערן האט מען אים געשיקט נאך אסטראוועצע צום גרויסן פוילישן גאון און צדיק צו קריגן סמיכה און קיין ברעזשאַן צום גאליצישן גאון — ווי ס׳זאל זיך נישט מאכן, קודם זאל ער נישט זיין אין דער היים... זאל ער נישט וויסן פון די אלע דרייעכטסער און מאכעכטסער: ער קאן נאך אריינפאלן מיט זיין „דינא דמלכותא דינא“! מיט זיין שכל קאן אזוי אויסקומען: ס׳טייטש, אויף זיין פלאץ וועט דאך מוזן גיין א צווייטער — מ׳ציט דאך נומערן! און מיט וואס איז ער בילכער?... אז ער וועט דא זיין, וועט מען נאר האבן פון אים צרות.

דעם היינטיקן שבת איז ער אין בערזשאַן, אויף דער אנדערער זייט גרענעץ: טאמער מסרט מען — זיכער איז זיכער! ער טאר פון גארנישט וויסן... „אז א מענטש נעמט אויף זיך דעם עול פון תורה, דעם עול פון יראת־שמים, נעמט מען פון אים אראפ דעם עול מלכות און עול דרך־ארץ... און די ארבעט ווערט געטון פון אנדערע“...

אין דער אומענדלעכקייט פון קאסמאס און אייביקייט, אינם גרויסן נאטורשפיל פון פושט צורה ולובש צורה, — די בריאה־מענטש א פלעווע אין שטורעם־ווינט, א טונקל זאמדעלעביים ברעג, א פינקלדיקער טראפ ביים זון־אויפגיי און אונטערגיי, — פארמעסט זיך א נפשל צו א גאנצקייט פון ריינקייט און מחשבה: יעדע רגע זאל זיין אפגעציילט, איבער יעדער האנדלונג האלטן חשבון, יעדעס ווארט פון מויל אדורכגעטראכט, שפאנט ער איין דעם ווילדן פלפול־קאפ אין וואגן פון מעשה־מרכבה, און דאס הארץ, צעהירזשעט לאשעקל פון טויזנט געפילן — אין צוים פון חקירה און מוסר; אדורכגעשוואומען דעם ים־התלמוד, דאס שוים־געכוואליע פון ראשונים און אחרונים, וואנדלט מען אויף די שווינדלדיקע תהום־ברעגעס פון קבלה — אויבן די אומענדלעך־ברייטע, בלויע הימלען און אונטן די אין־סופיק טיפע גרין־ימיקע תהומען.

קוים איינאונצוואנציק יאר איז דער יינגערמאנטשיק אלט געווען, מיט א מאדאנע־ווייב, אן „אישתה נאה“ און פיר קינדערלעך, און אין דער זעלבער וואך, ווען ער האט געקריגן דעם בלויען בילעט און געהאט אין טאש די סמיכה



פון אסטראווצער רבין און בערזשאנער רב, האט ער אויך געקריגן דעם כתב רבנות פון ק״ק טשעלאדזש. איז וואס זאל אזא יינגערמאנטשיק טון, אז ער זאל נישט, חלילה, נכשל ווערן אין אלע בייזע מידות און אלע שלעכטע תאוות, וואס שטייען אין „אורחות צדיקים“, אין שערי תשובה לרבינו יונה און וואס דער מענטש, דער בשר־ודם, נעבעך, טראגט זיי אין אלע זיינע רמ״ח אברים און שס״ה גידים; וואס קאן ער מער טון ווי פאסטן שני וחמישי און פארן שבת צום רבין קיין ראדאמסק און איינשרייבן אין „קוויטל“: „ליראה“ שמים, און אז ער זאל, חלילה־וחס, נישט נכשל ווערן אין דער הוראה?...

שוין נאכן „שלום נעמען“! יעדער שריט וואו ער גייט, וואו ער שטייט איז תורה; יעדע מחשבה — כוונה; יעדער שעפטש — תפילה און יעדער טו מיט דער האנט, יעדער ריר — א מצווה. און די שענק מיט ספרים — עין לא ראתה! — די אויגן גייען אויף מיט נגלה און מיט נסתר; דא אין ראדאמסק פארשטייט ער די משנה אין „אבות“: „איין רגע בעולם הזה איז מער ווערט ווי גאנץ עולם הבא“... אבער ער איז דאך שוין איינגעשפאנט אין עול־הפרנסה, אין יאך פון קהלה... און אז א „קרדום לחפור בה“? און ער בלייבט שטיין ביי דער שאנק ספרים און הייבט אן זאגן ר׳ נחוניהס תפילה מיט אזא אינערלעך געוויין, אז די גאנצע שאנק שאקלט זיך מיט אים און ער גייט זיך אריין „געזעגענען“.

ביים גבאיס טישל בלייבט ער שטיין מיט אלע יידן, וואס לאזן זיך שרייבן קוויטלעך. יידן שטייען פארזארגט. אפגעשמחהט א שבת, אבער יעצט איז תכלית: פרנסה, א קראנק קינד, א שידוך פאר א פארזעסן מיידל, א זון דאס דריטע יאר שוין מוטשעט זיך מיט א גרינעם בילעט. און צום סוף ביים נעמען דעם גילדן שרייב־געלט שרייבט ער, דער גבאי, נאך צו „וליראה שמים“—ס׳איז א „פראסטער“ ווינטער־שבת און פשוטע יידן קומען וואס נויטיקן זיך אין א הילף, קומען געהאלפן ווערן. די לעצטע בקשה שרייבט דער גבאי צו דעם רבין א נחת־רוח אנצוטון.

דער יינגערמאן שטייט ביים גבאי־טישל און שלאגט זיך מיט דער דעה: איז עס נישט קיין גאות צוצוקומען צום גבאי און הייסן זיך אויפשרייבן א בקשה „שלא להכשל בהוראה“? אבער דאס איז דאך יענעמס פרנסה: „עני המהפך בחררה!... און גלאט יענעם געבן א גילדן און אליין זיך שרייבן דאס קוויטל וואלט דאך געווען „שפיכת דמים“. שוין האלט עס ביי אים!

— דו אויך? וואס יאגסטו דיך, ס׳בית־מדרש איז דיר צו קליין? א יינגערמאן, ווי דו, בלייבט איבער דער וואך. קומענדיקער שבת איז שבת־חנוכה, און ס׳בית־מדרש וועט זיין פול מיט יינגעלייט.

דער יינגערמאן קוקט אים אן א צעבראכענער:

— דער עול־פרנסה, א ווייב מיט קינדער —

איידער ער ענדיקט נאך שרייבט ער שוין דאס סטערעאטיפישע קוויטל: „ולפרנסה ולבריאות בעדו ובעד ביתו, וליראת שמים“, און ער עפנט אויף די טיר און לאזט אים אריין.

דער יינגערמאנטשיק, אין איין האנט דאס קוויטל, די צווייטע האנט אין

גאַרטל, בלייבט שטיין כעני בפתח — — — דער רבי שטעלט זיך אויף און קומט מיט שמחה צו אים צו:

— מזל־טוב, מזל־טוב, יום שנכפל בו „כי טוב״! יום שנכפל בו „כי טוב״!

— דער רבי ווייסט שוין פון אלץ, ער ווייסט שוין פון זיין פריי ווערן פון די זעלנער און פון טשעלאדזשער רבנות. ער נעמט אים צו דאס קוויטל און פירט אים צו צום טיש, ער קוקט דערין אריין... „וליראה שמים, שלמה בן פריידל גענענדל״. — איי, איי, צופיל עול פון יראה שמים... די פריידל גענענדל בת חיה רבקה האט אויך צו טון מיט מרה שחורה: שלמה, יראה שמים טאר נישט ווערן קיין עול... איין רגע שמחה איז מער ווי ה׳ ב׳ ה׳״...

שלמה דערמאנט זיך, אז אין קוויטל איז נישט אריינגעשריבן זיין בקשה, נאך וואס אייגנטלעך ער איז געקומען:

— כ׳וויל מיך מזכיר זיין נישט נכשל צו ווערן בהוראה.

דער רבי קוקט אים אן מיט גרויס ליבשאפט, אזש ביידנס אויגן ווערן פול מיט טרערן:

— נאר קיין כשל־ברך טאר מען נישט זיין! דאס איז אלץ! פאר לחיים ולשלום. — און דער רבי טוט אויס זיין גרויסן, ברייטן קאפעליוש און טוט אים אן: „דעם ראדאמסקער טיש וועסטו באשיינען מיט דיין יראת־שמים, מיט דיין כסא־הרבנות. דו הייסט דאך נאך דיין זיידן ר׳ שלמה דיין, א ידיד־נפש פון זיידן, דעם תפארת־שלמה.״

און אזוי איז ער אהיימגעקומען קיין סאסנאווצע אין דעם קיילעכדיק־גרויסן, ברייט־שווימענדיקן קאפעליוש, אראפגעפאלן איבער די אויגן. ער האט מורא געהאט א ריר צו טון, ער איז ווי פארזונקען געווארן אונטער אים, מ׳האט קוים זיין בערדל־באוואקסן יינג־פנים ארויסגעזען. אזוי גייענדיק פון צוג דורך דער באלעבטער מאנדזשעווער גאס, פארבייגייענדיק פאר דעם ראג גאס, וואו ס׳ראדאמסקער שטיבל איז געווען ביי ר׳ יאנקעלע שטאל אין הויז, און ס׳איז גראד געווען מנחה־צייט, איז ער אזוי גייענדיק פון צוג מיטן רענצל אין דער האנט אריין אין שטיבל אריין.

אלע אין שטיבל האבן געקענט דעם קאפעליוש! מ׳האט אים גארנישט געפרעגט, מ׳האט געוואוסט, אז ער וועט נישט קיין סך ענטפערן. מ׳האט אים ארומגערינגלט מיט „שלום־עליכמס״, אבער נישט מער מיט יענע שארף־יינגעלייטלדיקע, קעסט־אידעמדיקע, ווען איינער קומט צוריק פון רבין. — מ׳האט אים שוין געגעבן שלום ווי דעם טשעלאדזשער מו״ץ.

פרייטאג אין דער פרי זיינען געקומען צוויי טשעלאדזשער קאטשן מיט בעלי־בתים אים צו ברענגען קיין טשעלאדזש. אבער הינטער די צוויי קאטשן זיינען געפארן נאך צוויי. דאס זיינען געווען אנשי שלומינו, די שארפע יינגעלייט, די לומדים פון סאסנאווצער ראדאמסקער שטיבל, נישט נאר אים צו באגלייטן, נאר צו האלטן מיט אים שבת און זיין מיט אים דארט אין טאג, ווען ער ווערט אויפגענומען אויף זיין כסא־הרבנות.

ווען מ׳האט אים געפירט שבת נאכמיטאג אין בית־מדרש אריין האלטן די



דרשה, האט די מאמע אויף דער שוועל אים נאך צורעכט געמאכט ס׳האלזטיכל, צו געקנעפלט דעם פעלץ, אבער אנצורירן דעם שווימענדיקן, גרויסן, קיילעכדיקן קאפעליוש אויפן קאפ האט זי נישט געוואגט. עפעס האט עס אפשר אויסגעזעען קאמיש אין אירע אויגן, אבער דאס איז שוין איבער אירע השגות — אויפן וועג, בארגאראפ, ארומגערינגלט מיט יינגעלייט פון שטיבל, הינטער אים די בעלי־בתים חשובים פון טשעלאדזש, איז אקייגנגעקומען דער פעטער יידע־פייוול מיט לייב־הערשן פון מילעוויץ. דעם שווימענדיקן קאפעליוש טיף איבער די אויגן האט ער זיי נישט געזעען און זיי האבן נישט געוואגט זייער אנקומען צו לאזן מערקן. לייב־הערש האט זיך אויסגעמישט מיט די יינגעלייט און יידע פייוול מיט די בעלי־בתים פון הינטן.

יא, ר׳ יחזקאלע, דער רבי פון ראדאמסק, האט געוואוסט וואס ער טוט ווען ער האט אים געזעען אזוי אין זיין צעבראכנקייט און עניוות שטיין ביי דער טיר, אים אנגעטון זיין קאפעליוש. ווי וואלט ער איצט אויסגעזעען דער איינאונצוואנציק יעריקער יינגערמאנטשיק, מיטן צוויי שפיציקן, טיף־טונקעלען בערדל, וואס לאזט זיך אויס אין א גילדענעם העל־בלאנד? א יינגער מענטש אן שום אמביציעס וואס ציטערט פאר יעדער רגע, וואס גייט בחנם פארלוירן.

דערזעענדיק לייב־הערשן אנקומען, וואלט באלד א שווערער תוספות, מסתם, ארויסגעשפרונגען, אן „עגלי טל״ און דאס געאמפער וואלט אנגעגאנגען ביז אין בית־המדרש אריין. און אזוי ווי לייב־הערש איז דער עלטערער און — לויט ווי ער האלט מער עמקן — איז פארוואס זאל לייב־הערש נישט האלטן די דרשה? בכל אופן, ער וואלט געבליבן א צעבראכענער... און אנקומענדיק אין בית־מדרש אריין וואלט ער זיכער א נעם געטון דאס ערשטע בעסטע סידורל צו זאגן „מה טובו״ ביים אריינקומען. — ער קען טאקע תנ״ך מילה במילה בעל־פה און ש״ס קלאר אויפן בלאט, אבער אן זיין קליין סידורל אין די וואכן־טעג רירט ער זיך נישט: ווי קאן מען זיך שטעלן פארן „מלאו כל הארץ כבודו״ אנדערש ווי יעדער אנדערער ייד, וואס שטעלט זיך דאווענען פאר גאט! — און געבליבן שטיין שוין ביי דער טיר מיטן סידור אין דער האנט.

אזוי אבער גייענדיק מיט דעם כתר־הרבנות אויפן קאפ, ארומגערינגלט מיט די יינגעלייט, האבן אים די חשובי־העיר ארויפגעפירט מיט גרויס כבוד און דרך־ארץ אויבנאן אין מזרח־וואנט צום שטענדער, וואו ס׳איז שוין געלעגן דעם ליסער רבס סידור, א נייער טלית מיט א ברייטער, זילבערנער שפאניע.

דאס בית־מדרש איז געפאקט, די ווייבער־שול — פול. דער גבאי גיט א קלאפ אין שולחן אריין:

— שא, הרב מורה מורינו, שליט״א, וועט האלטן די דרשה!

עס איז געווען שבת־חנוכה און ער האט געהאט צוגעגרייט נאך מיט א וואך פריער א ברענענדיקן פלפול אויף „כבתא״, מיטן „בית־יוסף׳ס״ וועלטס־קשיא, מיט לשיטתא־אויספירונגען, וואו איין „לפי־זה״ געקייטלט אין צווייטן, א קלינגענדיקע קייט — משבצות זהב! — א צעפונקלטע מיט ווילדע אויפ־

טוען און וואונדערלעכע איינפאלן, און פארן „ובא לציון „גואל" נאך אריינ־פלעכטן א צוויי משלים, כדי ס'זאל זיין שווה לכל נפש — א בער טאנצט אין מיטן מארק אויף דער קלינגענדיקער קייט און אלע שטייען ארום; און דערנאך גייט נאך דער לאמער קאטארינקאזש מיטן דראטענעם שטייגל מיט די ווייסע מייזעלעך, און יעדעס קינד גיט א ריר אן... אצינד אבער צוקומענדיק צום שטענדער, אנטוענדיק זיך דעם טלית, אויפמישנדיק דעם ליסער רבס סידור צ' זאגן פאר דער דרשה די ר' נחוניה תפילה און אויפגעמישט „ר' ישמעאל אומר בשלוש עשרי מידות התורה נדרשת בהם", איז ער געבליבן ווי אין א טיפן תהום און אלץ טיפער און טיפער געזונקען, ווי אין דער מאמעס בויך ער וואלט נאך געווען, ברענט אים א ליכט צוקאפנס, ווי א גורניק, וואס לאזט זיך אין דער טיפער „שיכט" אראפ מיטן „קרדום לחפור בה", צו גראבן און צו גראבן:

— כפטיש יפוצץ סלע, וואס איז דען די גאנצע תורה מיט די י"ג מידות פון נגלה, מיט די י"ג מידות של רחמים, אויב נישט צוצוקומען צו די געט־לעכע מידות פון ענווה, פון צדק, פון אהבה?... א, ווי טיף, רחמנא לצלן, ס'קאן דער מענטש פארזינקען, אין שאול תחתיה! — דורך פניות, דורך גאווה, דורך חניפה. — און ער הייבט אן מיט א פסוק פון תהלים: אנכי תולעת, חרפת אדם ובזוי עם — ער גראבט און גראבט, און גראבט, און זאגט און זאגט — א געטובלטער אין שווייס — מאמרי חז"ל און שטיקער זוהר און של"ה הקדוש און „אווארט, וואס דער טאטע מיינער, זאל לעבן, האט מיר געזאגט און אן אויפטו פון מיין רבי ומורי דער קליביצקער רב, זצ"ל".

אזוי שטייענדיק פארן עולם, מיטן טלית איבערן קאפ, האט ער משיג גע־ווען: מ'ארבעט א גאנץ לעבן, כדי גרייט צו זיין צו זיין שליחות! און איצט ווי א מנהיג אויפגענומען פון א קהלה — אבער פלוצלונג דערמאנט ער זיך: ס'איז היינט א קורצער ווינטער־טאג, און עס מוז שוין אודאי זיין זמן־מנחה, און ער הייבט אויף דעם טלית איבער די אויגן צו זוכן דעם זייגער צו זעען ווי שפעט ס'איז און דערזעט — א פארגליווערטע שטילקייט: אין מחנות־וויז שטייען זיי, דאס רעדל הינטן, דאס וואלבעראמער שטיבל, מיט ר' אברהם־יידל שוסטער און אלטער בעקער — די בעלי־מלאכות; דאס גערער שטיבל פון פארנט, מיט יצחק בריל בראש, און אויף דער רעכטער זייט „אונזער שטיבל", מיט די יינגעלייט פון סאסנאווצע און אין מיטן דער טאטע מיט צוגעמאכטע אויגן, מיט א גרויסן ערנסט אויסגעגאסן אויפן פנים, איבער דער ברייטער, פריילעכער בארד און ביי דער זייט שטייט א צעשטראלטער, א בלאנדער, א בלוי־צעבליצטער, לייבהערש!! אין דער ערשטער רגע וויל ער צושפרינגען צו אים, זיך ארומאכפן מיט אים, ווי צוויי טשעלאדזשער יינגלעך, וואס טרעפן זיך אין א טיפן וואלד, אויף א שטילער בין־השמשות לאנקע. אבער אט דערזעט ער דעם זייגער די לעצטע רגעס צום זמן־מנחה, און ער דרייט זיך אויס צום ליסער רבס סידור און הייבט אן צו זאגן „קרבנות".

ביים שלוש־סעודות האבן די סאסנאווצער יינגעלייט געוויזן וואס זיי קענען — דאס גאנצע בית־מדרש האט געהילכט מיט ראדאמסקער ניגונים!

איין פעסל ביר נאכן צווייטן האט מען אריינגעקוילערט, און ביים פלומפל איז געשטאנען דער גבאי מיטן געשווירענעם בערדל, און „פיעראן" דער גבאי שני האט דערלאנגט צום טיש; און מיר יינגלעך האבן געפלימפט דאס הענטל, צוגעטראגן די ליידיקע גלעזער.

אנשל בלעכארזש ליגט ביי דער טיר אן אנגעשכורטער און וויינט: „יידל, קרבנות!" און חיים „שיבער", חיים זלאטע, דער פארקומענער פילצער עילוי, וואס „ארבעט" צוזאם מיט „פיעראנען" אויף דער טשעלאדזשער גרענעץ, שטייט אויפן טיש און זאגט דעם געגראמטן „קידוש הגדול", וואו עס מישן זיך ווי אין גלאז דער בראנפן־וויין־און־ביר, פויליש, רוסיש און יידיש. און אויבנאן זיינען די צוויי חברים געזעסן און געברענט אין שאפן „כבתא"־פלפול. דער טאטע איז געזעסן ביי דער זייט אין דער שלוש־סעודות פינסטערניש און זיך שטיל צוגעהערט צו זיי, און טרערן האבן זיך אים געגאסן פון די אויגן אין דער פארשמייכלטער בארד אריין פון גרויס פרייד ארומגענומען.

## רחל מירסקי

## חנה ראזנער

אין די לעצטע צוויי יאר פון איר לעבן האט חנה ראזנער אסך געליטן, איז ערנסט קראנק געווען. קיינער אבער האט נישט געקענט זיך פארשטעלן, אז דער טויט וועט זי אזוי שנעל צונעמען פון אונז. ווי א ווייסער שוואן איז זי געשוואומען אויף וואסערן שטומישע און שטילע, געשוואומען שטאלץ און גע־לאסן; האט זיך געשפיגלט און באוואונדערט איר אפשפיגלונג, אויך אלץ ארום זיך וואס שיין און גוט.

אין לאדזש, אין דער אלטער היים, האט מען זי גערופן די שיינע חנה, מיט איר וואונדערבארן קאפ געלאקטע האר, מיר איר שטילער שטימע. א ווייסע קלארקייט איז תמיד געווען אויסגעשפרייט איבער איר.

אין יאר 1911, צוזאמען מיט איר פריינדין חנה קויפמאן וועלכע איז גע־פארן קיין לאנדאן חתונה האבן, איז אויך דאס שיינע, בלאנדע מיידל געפארן. אין יענע יארן זיינען פון פוילן יונגע מענער און פרויען אין די הונדערטער אוועק אין דער וועלט אריין צו זוכן א בעסער און שענער לעבן.

דא אין לאנדאן האט זיך חנה צוזאמענגעטראפן מיט בערל ראזנער (בערל פריקאזשטשיק) פון לאדזש. איז ווי בערל אליין האט מיר אמאל דערציילט שוין זער לאנג צוריק: „ווען איך האב דאס שיינע מיידל געזעען האב איך געטראכט, אז מען דארף זיך מיט דעם מיידל אינטערעסירן".

דעם 17טן אפריל, 1914, האבן חנה און בערל חתונה געהאט און געלעבט א גליקלעך לעבן ביז דעם 5טן מארץ, 1961, ווען מיר האבן געקריגן די ידיעה, אז חנה איז טויט און בערל איז געבליבן אליין, פאריתומט. זיינען מיר אלע ארום אים ארומגענומען געווארן מיט טיפן צער.

חנה איז געבוירן געווארן אין א קליין שטעטל אין פוילן. זי איז אויפגע־וואקסן אין לאדזש. שטאמען שטאמט זי פון אן ארבעטער־פאמיליע אויס כמיעלניק. אירע עלטערן האבן געפירט א בכבוד בעל־הביתיש לעבן.

ווי די פאמיליע אירע, אזוי איז זי אויך געווען גוט און מיטפילנדיק לגבי אלע, וואס זענען פונם לעבן באעוולט געווען; תמיד גרייט צו העלפן וואו

הילף איז נייטיק געווען. אין איר שטילן, באשיידענעם גאנג, האט זי אין זיך אויפגענומען יענעמס לײדן. האט קיינמאל נישט איבערגערעדט ווען זי האט עפּעס פאר אנדערע געטון. ווי א פרומע נשמה, האט זי אפגעהיטן יענעמס לייד, קיינער זאל נאר נישט פארשעמט ווערן דורך איר.

תמיד אן אפן הויז ביי די ראזנערס, תמיד ארומגערינגלט מיט פריינט. נישט בלויז מאטעריעלע הילף האט חנה געגעבן, נאר אויך פארשטאנען צו העלפן, לייכטער צו מאכן יענעמס געמיט. זי האט אלעמאל געהאט דאס נייטיקע ווארט; א ווארט פון טרייסט און הערמוטיקונג. ביי מיר איז געבליבן גוטע, הארציקע זכרונות וועגן חנהן זינט די ערשטע טעג פון מיין געפינען זיך אין לאנדאן. איך בין געקומען צו משפחה, בין אבער געווען פרעמד און געבענקט צו זעען אלטע פריינט פון דער היים. איך האב געוואוסט, אז עס געפינען זיך א טוץ פון זיי אין לאנדאן. נאך א טאג דא זיין, האב איך דעם ערשטן געטראפן מיין אלטן גוטן פריינט פון לאדזש, נתן גוטער. און ער האט באלד צו וויסן געגעבן וועגן מיר. דעם אנדערן טאג איז שוין געקומען חנה ראזנער מיט חנה קויפמן מיך צו זעען.

חנה ראזנער האט צוזאמענגערופן א צאל לאדזשער פריינט זיך צו פרייען מיט דער „קליינער רחלע", און עס איז טאקע געווען א פרייד. זי איז געווען די ערשטע מיט מיר צו גיין אין באטאנישן גארטן. זינט יענער צייט בין איך שוין דארט פיל מאל געווען, אבער מיין ערשטער איינדרוק איז אלעמאל פארבליבן מיט מיר. יענע שעהן פון מיין זיין אין דעם גארטן וועל איך תמיד געדענקען, און עס וועט אויך אלעמאל זייןפארבונדן מיט דער פארשטארבענערס נאמען. זי האט מיך געפירט נאך העמסטעד, וואו איינמאל א וואך שטעלן קינסטלער אויס זייערע בילדער אויף דער גאס צו פארקויפן. דאס איז גאר א גרויסער, גייסטיקער פארגעניגן.

חנה זאגט מיר אמאל: „רחל, מיר וועלן גיין נאך קענוואוד. דו וועסט גערן דארט זעען די קונסט־בילדער און די ביבליאטעק און אסך אנדערע שיינע זאכן". יא, איך האב דארט אלץ אסך מער ווי גערן געהאט. עס האט מיך אלץ טיף באגייסטערט. חנה האט פארשטאנען צו ווייזן די אלע שיינקייטן פאר מענטשן, וואס האבן פון זיי נישט געוואוסט; איבערהויפט ווען ס'האט געהאט צו טון מיט א מענטשן, וועמען די שטאט איז געווען פרעמד. איך בין איר פון הארצן געווען דאנקבאר פאר דעם אלעם. איך האב פארשטאנען, אז דאס קאן טון נאר א מענטש מיט א פיין פילנדיקער נשמה.

חנה וועט אסך פון אונז פעלן דא אין לאנדאן, אפשר מער ווי אן אנדערע פערזאן. אין א ווינקעלע פון מיין הארץ איז פארבליבן עפּעס, אדאנק וועלכן איך וועל אלעמאל חנהן געדענקען מיט טיפער אכטונג.

צו מיין פריינט בערל וויל איך זאגן: איך ווייס וואס איר לעבט איצט איבער. איר זענט פאריתומט און פאראיינזאמט געווארן, און עס איז נאך שווערער ווען דאס טרעפט אין דער שפעטער צייט אין לעבן. אבער ליבער בערל, טרייסט אייך מיט דעם וואס איר זענט ארומגערינגלט פון אסך פריינט, וועלכע ווייסן און שעצן אלץ וואס איר האט געטון צוזאמען מיט אייער חנה; און די אלע פריינט וועלן אייך העלפן טראגן אייער טיפן צער! חנה ראזנער וועל איך געדענקען מיט ליבשאפט.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולמי־

נומער 6־7 (העפט 7־356) צוויי און צוואנציקסטער יאר יוני־יולי 1961 לאנדאן

**טיף אין טרויער איבערן טויט פונם שרייבער י. י. טרונק, ע״ה.**

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

צו דער אייכמאן־שבועה, ביי לייטן * * ...... ...... ...... ...... 1

יידישע פילאזאפיע און טראדיציע (דער פאראט פון בר־כוכבא אויפשטאנד) יעקב ריכטיגער ...... ...... ...... ...... ...... 2

מיין (ליד) יוסף לעפטוויטש ...... ...... ...... ...... ...... ...... 8

אין גדרה ביי תימנער יידן (סקיצע), בן־צבי בערנשטיין...... ...... ...... 9

די מעצענאטקע (דערציילונג) א. מ. ארזשיצער ...... ...... ...... ...... 11

פון דעם בוך „גיטאנדזשאלי" (דיכטונג) ראבינדראנאט טאגארע ...... 15

(עסיי) מ. אלמאן ...... ...... ...... ...... ...... ...... ...... 17

י. ל. שטיינבערג־בוך (רעצענזיע) י. וו. פאדאלסקי ...... ...... ...... 20

„עקזאדוס" (דורך מיינע אויגן) עלען ווינאגראד ...... ...... ...... ...... 23

די מעשה מיטן בער (פראזע) ערנעסט העמינגוועיי, (ליד) א. נ. שטענצל 25

**פרייז 2 שילינג**

**אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר**

**אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר**

**אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—**

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*